STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01068

# MESHOLIM, BAND 2

Eliezer Steinbarg

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Harlan R. & Carole S. Daman*
*in memory of*
*D. Leon & Frances W. Daman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר שטיינבאַרג / משלים II

נדפס בישראל, תשט"ז, תל־אביב
Printed in Israel 1956, Tel-Aviv

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב



# אליעזר שטיינבאַרגס שריפטן

צווייטער באַנד



אליעזר שטיינבארג

אליעזר שטיינבארג

# משלים

## II

מיט דריי בילדער און מיט אַ פאַקסימילע פונעם מחבר

הוצאת אירגון יוצאי ליפקאַני (בסרביה) בישראל

תל־אביב, 1956

אַלע רעכט — דער עיקר די רעכט צו איבערזעצן און איבערצודרוקן —
קערן דער אלמנה פונעם מחבר, תל־אביב, ישראל.
Copyright 1956 by the author's widow.
Printed in Israel

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב

# אליעזר שטיינבאַרג דער משלים־דיכטער

צופֿירנדיק דעם לעזער צום צווייטן, און לעצטן, באַנד פֿון אליעזר שטיינבאַרגס „משלים", נעם איך זיך די העזה צו זאָגן, אַז פּונקט אַזוי ווי מען קאָן זיך היינט צו טאָג ניט אויסמאָלן די יידישע ליטעראַטור אונדזערע אָן איינעם פֿון אירע דריי קלאַסיקער: מענדעלע, פּרץ, אָדער שלום עליכם, קאָן מען זיך אויך ניט מאַכן קיין אמת בילד וועגן איר אָן אליעזר שטיינ־באַרגן, — פֿון זינט עס האָט זיך באַוויזן זיין ערשטער באַנד „מ ש ל י ם" אין אָנהייב פֿון די דרייסיקער יאָרן פֿון איצטיקן יאָרהונדערט. און נאָך מער: אָן שטיינבאַרגן איז די יידישע ליטעראַטור לכתחילה ניט געוועזן גאַנץ אין איר מ ה ו ת ; שטיינבאַרגס משל האָט איר בפירוש געפֿעלט צום שלימות־דיקן אויסדרוק פֿון יידישן גייסטיקן שטייגער. מען קאָן זיך אָן גרויסע שוועריקייטן אויסמאָלן אונדזער ליטעראַטור אָן דעם אָדער יענעם דיכטער, אויסער ווינציקע וואָס זייער ווירקונג איז ווייט אַרויס פֿונעם תחום פֿון ליטעראַטור, און די ו ו ע ז נ ט ל ע כ ע ג א נ צ ק י י ט אירע זאָל דערפֿון ניט ליידן. מיר וואָלטן אין יעדן פֿאַל אַזעלכן פֿאַרלוירן עשירות, פֿאַרמעג פֿאַר דורות, אָבער דער יש אין תוך וואָלט געבליבן דער אייגענער, אומגע־ביטן. דער היסטאָרישער פֿאַרלויף וואָלט דאַן געוועזן אַן אַנדערער, אָבער דאָס אויספֿעלן פֿון א י י ן רינג וואָלט ניט פֿונאַנדערגעלאָזט די קייט. זי וואָלט אונדז געפֿעלט נאָר ב ד י ע ב ד, ניט לכתחילה. און אַנדערש איז עס בנוגע שטיינבאַרגן.

פֿאַרן באַווייזן זיך פֿון שטיינבאַרגס מ ש ל י ם האָט מען גריילעך געקאָנט פֿרעגן: צי איז דאָס די יידישע ליטעראַטור, אין וועלכער דער מ ש ל, אַזאַ טיפּיש ידישלעכער אויסדרוק פֿון געדאַנק, איז ניט דערגאַנגען צו דער מדרגה פֿון קלאַסיק? אַ קלייניקייט ד ע ר מ ש ל! אַנו, פּרוּווט אַ רייד טאָן מיט עמיצן אַ ייִדן, וואָס „עס רעדט פֿון אים אַרויס" דאָס פֿאָלק — אַנו טוט אים אַ צי פֿאַרן צונג ער זאָל אייך מסביר זיין אַן ענין — צי וועט ער אייך ניט באַלד ברענגען אַ משל, אַ פֿאַרגלייך, און אויב שוין בחיפּזון, — איז אַ „גלייכווערטל", וואָס דער טייטש דערפֿון איז: אַ משל

צוגעשפּיצט צו אַ ווערטל! ווי אַ רויטער פאָדעם ציט זיך דער משל דורך טויזנטער יאָרן אין אונדזער שטייגער, נאָך פון יענע צייטן ווען ליטעראַטור איז צו שריפט ניט דערגאַנגען! וויפל צירונג אַזעלכע זענען אַריין אין תנ״ך, און ווי צעוואַקסן דער מין האָט זיך אין שפּעטערדיקע תקופות, אין מדרש און אין דער העברעיִשער מיטלעלטערלעכער דיכטונג, שוין אָפּגע־רעדט באַ די מגידים שפּעטערע יאָרן. און דאָ קומט אַ יידישע ל י ט ע־ר אַ ט ו ר, און אויב זי נעמט זיך שוין אַמאָל צו אַ משל, בלייבט ער אַלץ הינטערשטעליק הינטער דעם גילדערנעם פאָלקס־מויל, וואָס האָט דווקא אויף דעם געביט אַרויסגעברענגט אַזאַ שפע פון יאָדערדיקער חכמה, ביל־דערישקייט, וואָרט־מאָלעריי און ברכה פון עמך־לשון.

אַוודאי זענען אין יידיש אויך ביז שטיינבאַרגן געשריבן געוואָרן משלים. איר וועט זיי געפינען כמעט באַ אַלע יידישע דיכטער, און דאָ און דאָרט האָט אויך אַ פינקל געטאָן דער חסד פון פאָלקסטימלעכער חכמה. אָבער משל ווי אַ זעלבשטענדיקע, ה ו י כ ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע ש אַ פ ו נ ג האָבן מיר ביז צו אליעזר שטיינבאַרגן ניט געהאַט. ווי ווייט דאָס האָט געפעלט אינעם בילד פון דער ליטעראַטור, קאָן וויסן נאָר דער וואָס האָט בשעתו מיטגעפילט די גרויסע שמחה, ווען עס האָבן זיך גענומען באַווייזן אין דער פרעסע מיט העכער פערציק יאָר צוריק — נאָך אַ לאַנגער הפסקה זינט ע ט י נ ג ע ר ן, — און דערנאָך אין בוך, די משלים פון ר׳ מ ר ד כ י ל ע (טשעמערינסקי). דאָס איז געווען אַ היפּשער טריט פאָרויס, — אַזוי ווי אויפגעבונדן די צונג צו דערציילן אַ משל אויף אַ מער לעבעדיקן עמך־דיקן אופן. ס׳האָט אָבער, אַפילו אין די אָריגינעלע, ניט איבערגעאַרבעטע, משלים, אַרויסגעקוקט דער ניט־יידישער פאַבלען־דיכטער, צי דער רוס קרילאָוו, צי דער פראַנצויז לאַפאָנטען, אָדער אַפילו דער אַלטער גריך עזאָפּ. וואָס זשע האָט דאָ געפעלט? דאַכט זיך אַלץ איז שוין גרייט געווען: סיי די קאַנווע, סיי דער פאָדעם — סיי דאָס פאַסיקע לשון, סיי דער געהעריקער שטאָף. אָבער געפעלט האָט דער דריטער צום בינטל: ד י פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט פ ו ן ד ע ם מ ש ל י ם ־ ד י כ ט ע ר. משל איז נאָך אַלץ געווען אַ ליטע־ראַרישער פאַרגאַב, וואָס דער שרייבער האָט זיך פאַרגעבן אויסצופירן, אָבער ניט קיין אויסדרוק פון אַ פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט, וועלכע קאָן נ אָ ר, אָדער קודם־כל, אויף ד ע ם אופן, דורך דעם משל, דערגיין צו אייגענער קלאָרקייט, צו אויסלייזונג פון אייגענער שפע.

די פּערזענלעכקייט פון אַ משלים־דיכטער האָבן מיר באַקומען ערשט דורך שטיינבאַרגן. איך קען, צום באַדויערן, צו ווייניק דאָס לעבן פון אַ לאַפאָנטען און פון אַ קרילאָוון, כדי צו וויסן קאָנקרעט אויף וויפל זייער

פאַבל־דיכטונג איז געווען ליטעראַרישער שטייגער און אויף וויפל זי איז געווען אַן אויסדרוק פון אינעווייניקסטער דיכטערישער נויט־ווענדיקייט — אַזאַ מין אינעווייניקסטע נויטווענדיקייט ווי זי איז פאַראַן ביי די גרויסע ליריקער. אָבער וואָס שייך שטיינבאַרגן איז באַ מיר קיין ספק ניט: זיין משל איז די קווינטעסענץ פון אַן אויסערגעוויינטלעך רייך און טיף מענטשן־לעבן און וועלט־באַנעם. און דערביי איז ער אַזוי יִדיש אין לשון, אין שפּיל, אין קנייטש און קוועטש, אַז ס׳איז זיך שווער אויסצומאָלן ער זאָל ווען עס איז איבערגעזעצט אָדער כאָטש איבערגעאַרבעט ווערן אין אַ ניט־יִדישער שפּראַך — כדי די דרויסנדיקע וועלט זאָל קאָנען האָבן כאָטש אַ מינדסטן באַגריף וועגן אַ יִדישן לאַפּאָנטען, אַ מאָדערנערן, אַ טיפערן, אַ ניט צו גלייכן מער דיכטערישן איידער דער פראַנצויזישער.

וואָס איז עס אַזוינס אַ משל? אַ פאַרגלייך? ניין! כאָטש לויטן באַטייט פונעם וואָרט איז עס דאָס אייגענע. אַ פאַרגלייך נעמט צו הילף דאָס באַקאַנטע, כדי דורך דעם גרינגער אויסצודריקן דאָס נאָך ניט באַקאַנטע. אָבער דער משל גייט אויף אַ פאַרקערטן וועג: ער נעמט דאָס אומבאַ־קאַנטע, עפּעס ווינציקער באַקאַנטס, עפּעס אינגאַנצן צוגעטראַכטס, דער־פירט עס צו אַ באַקאַנטן שפּיץ, כדי אים, דעם שפּיץ, אַזוי אַרום קלאָרער אַרויסצוברענגען, אַרויסצוהייבן, צוצוגעבן ווירקונגס־קראַפט. דער נמשל, דער אויספיר, איז אַלעמאָל באַקאַנט; אומבאַקאַנט איז נאָר דער משל. דער־פאַר שעפּט דער משל אַזוי גערן פון דער וועלט פון חיות און עופות (משלי שועלים), כדי אַרויסצוברענגען דאָס מער באַקאַנטע — דעם מענטש. און דערין שטעקט דער קינסטלערישער מאָמענט פונעם משל. כדי עס זאָל אַרויסקומען אַ משל, ניט אַ פאַרגלייך, כדי עס זאָל אַרויסקומען אַ פּאָענטע — אַ שפּיץ אויף פּראָסט יִדיש — פאָדערט זיך פאַנטאַזיע. פאַרשטייט זיך, ווי יעדע קינסטלערישע פאַנטאַזיע מוז זי מיט זיך אויך אין משל פאָרשטעלן אַן אייגענע רעאַליטעט, מיט אַן אייגענער אינערער געזעצמעסיקייט, בקיצור מיט כאַראַקטער. די כאַראַקטעריזירונג אינעם משל איז דער הויפּט־אויפּטו פונעם משלים־דיכטער. דאָס הייסט, זיין פאַנ־טאַזיע מוז אין דער אייגענער צייט זיין רעאַליסטיש. און דערצו קומט די קאָנפראָנטירונג, די קעגנאיבערשטעלונג מיט אַ צווייטער, אַ נעענטערער רעאַליטעט — די רעאַליטעט פונעם מענטש. דער משל קאָן אין תוך ניט עקזיסטירן אָן דעם מענטשלעכן, דעם מאָראַלישן, צוועק; דאָס איז די קינסטלערישע נאָרמירונג פון דער פאַנטאַזיע, זי זאָל זיך ניט פאַרלירן אין דעם פאַרגעניגן פון צוועקלאָזן אויסמאָלן. משל פאָדערט אַ נמשל, אַ נמשל אָבער איז תכלית, און תכלית, ווייס מען דאָך, איז אַ גאָר־

גאַר יידישער ענין. ניט אומזיסט האָט אַ באַרימטער חסידישער רבי אויס־גערעכנט צווישן די סימנים פון ימות־המשיח, — וואָס דעמלט (ערשט דעמלט) וועט דער משל ניט דאַרפן זיין גלייך צום נמשל...

און דאָך וועט גאָר ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די משלים פון אָט דעם יידיש־יידישלעכסטן שטיינבאַרג זענען פונדעסטוועגן מער ווי די שאַפונגען פון וועלכן ס'איז אַנדערן פאַבלען־דיכטער אין דער וועלט, — ביי דער גאַנצער שאַרפער כאַראַקטעריזירונג און צוועק־געבונדנקייט — מוזיקאַליש־בילדערישע פאַנטאַזיעס מיט אַן אייגענעם ווערט, וואָס ווערט נאָר אונטערגעשטראָכן דורך דער חריפות פונעם נמשל. דער נמשל איז זיך טאַקע דער צוועק, אָבער דער משל אַליין איז הויכע קינסטלערישע דיכטונג. מען דאַרף ניט ערשט צוזוואַרטן צום שפּיץ, כדי צו שפּירן התעלות.

פאַראַן אַ מחלוקת צי שטיינבאַרס משל, וואָס איז מיט זיין בילדע־רישער, דיכטערישער שפע, מיט זיינע דרך־אגבדיקע געדאַנקען, ניט גאַנץ לויטן קלאַסישן מוסטער, באַרעכטיקט אונדז אָוועקצושטעלן אים אין איין ריי מיט די קלאַסיקער פון דעם דאָזיקן ליטעראַרישן זשאַנער אין וועלט־מאַסשטאַב. און איך דרינג אַקוראַט פאַרקערט: שטיינבאַרג, איז, דאַכט זיך מיר, איבערגעשטיגן יענע קלאַסיקער, און טאַקע דערפאַר וואָס ער איז ניט געבליבן באַ זייער מוסטער, נאָר געדיכטעט משלים סווערען, אויסן גייסט פון ז י י ן פאָלק, פון ז י י ן תקופה.

אליעזר שטיינבאַרגס גרויסער פאַרערער, ח י י ם נ ח מ ן ב י אַ ל י ק, האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „בעת איך האָב געשריבן מיינע „משירי העם״, האָב איך ניט איבערגעזעצט קיין איינציק יידיש פאָלקס־ליד, אפילו קיין איין שורה ניט (כאָטש אַן אַנדערטמאָל האָט ער מיר געזאָגט: כזה ראה וקדש! אַזוי דאַרף מען שרייבן). איך האָב ניט געהאַט פאַר מיר קיין שום איינציק יידיש פאָלקס־ליד. איך האָב נאָר געהאַט פאַר מיר דאָס יידישע פאָלקס־ליד בכלל״. ענלעכס וואָלט איך געזאָגט וועגן שטיינבאַרגן: ער האָט פאַר זיך ניט געהאַט קיין שום איינציק יידיש משל, קיין שום משל בכלל. ער האָט פאַר זיך געהאַט דעם יידישן פאָלקס־מענטש ווען י ע נ ע ר דער־ציילט אַ משל, און האָט דעם דאָזיקן יידן קינסטלעריש אויפגעהויבן, אויפ־געהויבן צו זיך. אַלץ ביי שטיינבאַרגן איז טאַקע, הגם געטראָגן פון אַ גרויסן אינטעלעקטועלן שווונג, פאָלקסטימלעך ביז גאָר: דער אופן דערציילן, דאָס לשון, דאָס בילד, די וואָרט־מאַלעריי. און ועל כולם — די מאָראַל פונעם פשוטן, ערלעכן געזונטן פאָלקס־מענטש. עס איז אין אַלעמען סובלימירטע, געהויבענע, כפול־שמונהדיקע פאָלקסטימלעכקייט. אַלע קונצן און חנדלעך פון אַ יידישן סיפור־המעשה. פאָלקסטימלעך זיין לומדות און פאָלקסטימלעך

זיין באַציִונג צום גביר, צום עולם־הזה'ניק, צום צבועאַק. פֿאָלקסטימלעך די ליבע צום האָרעפּאַשניק, צום ליידנדיקן מענטשן, צו דער ליידענדיקער בהמה. און פֿאָלקסטימלעך זיין תורה — „ניט לאָזן זיך שפּאַנען".

און אַזוי איז ער טאַקע געוואָרן איינער פֿון די באַדייטנדיקסטע רעפּרעזענטאַנטן פֿונעם סאָציאַלן און הומאַניסטישן מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור, פֿון די סאַמע באַדייטנדיקסטע. אָנקניפּנדיק איבעראַנייס אָן מענדעלען, ניט בלויז אינעם שעפערישן מאָטיוו — כאָטש דורכגעלאָזט דורך דער פּריזמע פֿון צוויי דורות — נאָר אויך בנוגע די כלים, דער שפּראַך, דער הנאה פֿונעם עצם „פּאַבולירן".

אַ פּאַרשפּעטיקטער (צו אונדזער גליק) און ניט עפּיגאָנישער, מע קאָן זאָגן לייבלעכער, „איינ״יקל" פֿון אונדזערע דריי גרויסע, האָט ער אין זיך געטראָגן וווּנדערלעך האַרמאָניש צונויפגעפּאָרט די בולטסטע שטריכן פֿון זיי אַלע דריי: מענדעלעס סאַטירישע חריפות, שלום עליכמס לירישן הומאָר און פּרצעס אידעאישע געהויבנקייט — אַלע אינאיינעם. „ר' לייזערל הקטן" (דעם דאָזיקן צונאָמען האָט ער מיט זיין באַזונדערן הומאָר פּאַראַ־פראַזירט פֿון ר' אליעזר הגדול — איינעם פֿון די בעלי־תוספות), כמעט אַ פּאַרזעענער בחייו, איז געוואָרן במותו איינער פֿון די גדולים, פֿון די גדולי־הגדולים, אין דער יידישער ליטעראַטור.

**דניאל לייבל**

**
*

...ווען אליעזר שטיינבאַרג איז זומער 1920 אָנגעקומען קיין טשער־נאָוויץ, האָט ער שוין געהאַט אַריבערגעשפּאַנט מיט עטלעכע חדשים זיין פערציקסטן געבוירן־טאָג.

אויך פאַר דעם איז ער ניט געווען קיין אומבאַקאַנטער. פון זיין געבוירן־שטעטל ליפּקאַן האָט זיך געשפּרייט זיין נאָמען איבער די נאָענטע שטעט ווי אַ העברעיש־יידישער פּעדאַגאָג מיט אַן אייגענער, שעפערישער לערן־מעטאָדע. דער שם פון זיינע מוזיקאַלישע פּיעסעס (דער עיקרשט: „דער בערדיטשעווער רב״), וואָס ער האָט אויפגעפירט אין שטעטל מיט דער הילף פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם מוזיקער אַלעקסאַנדער סעווערסקי און פון דעם באַגאַבטן, היינט באַוווסטן מאָלער, שלמה לערנער, האָט זיך געטראָגן איבער צפון־בעסאַראַביע און אויך ווייטער. און וואָס שייך שטיינבאַרג דעם מָשל, האָט ער שוין לאַנג געהאַט סמיכה ניט בלויז פון זיינע אייגענע אָרטיקע חברים און תּלמידים נאָר אויך פון זיין געשוועסטער־קינד יהודה שטיינבערג און פון ניט קיין אַנדערן ווי חיים־נחמן ביאַליק.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אליעזר שטיינבאַרג באַזוכט ביאַליקן אין אָדעס און דער גרויסער דיכטער איז גוואַלדיק נתפּעל געוואָרן פון שטיינבאַרגס משלים. ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז ביאַליק־ראַווניצקיס „מוריה״ זאָל אַרויסגעבן אַ באַנד פאַבלען זיינע.

דער קריג האָט אַלץ צונישט געמאַכט. ער האָט אויך אָפּגעריסן בעסאַ־ראַביע פון רוסלאַנד, און אין דער נייער גרויס־רומעניש מלוכה האָט זיך טשערנאָוויץ מיט איר היסטאָריש געוואָרענער שפּראַך־קאָנפערענץ, מיט איר געאָגראַפישער נאָענטקייט צו בעסאַראַביע און שכנותדיקן פּוילן, און דערעיקרשט ווי די איינציקע שטאָט מיט יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, געשטיטן צו ווערן דער יידישער קולטור־צענטער.

שטיינבאַרג, דער נייער תּושב אין טשערנאָוויץ, איז גיך געוואָרן די פאַרקערפּערטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע רירעוודיקייט פון אָט דעם „צענטער״.

כאַטש די איניציאַטיוו צונויפצורופן אַ קולטור־קאָנפערענץ קיין טשערנאָוויץ (7—9 יאַנואַר 1921), געהערט צו עמיצן אַנדערש, איז די אַטמאָספער פון קולטור־שותפות רייף געוואָרן טאַקע אַ דאַנק אליעזר שטיינבאַרגן. ער איז געווען דער סימבאָל און דאָס שיינדל פון דער „קולטור־פעדעראַציע", די איבערצייגנדיקע ראיה פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ „טשערנאָוויצער צענטער" און זיין ליטעראַרישער און קינסטלערישער הויפּט־טוער.

שטיינבאַרג האָט פון זיך געשטויסן „רבישקייט" און אָפענעם פאַר־איבל געהאַט פאַר וועלן אים, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „אַנטון אַ שטריימל און דערלאַנגען קוויטלעך". אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. די הונדערטער יונגע בחורים אין די שטעטלעך פון בעסאַראַביע, פון בוקאָווינע און פון מאַרמאַראָש־סיגעט, וואָס דער גלוסט צו שרייבן האָט אַ ברי געטאָן זייער געמיט, האָבן געבענקט נישט אַזוי נאָך אַ פּירער, ווי נאָך דער געשטאַלט פון אַ רבין. אָנפאַנגער פון אַלע עקן פון דער מדינה און דערעיקרשט פון בעסאַראַביע האָבן מיט שטיינבאַרגס אָנקום קיין טשערנאָוויץ, דערשמעקט „הויף", און עס האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קודם כתב־ידן און דערנאָך זענען די שרייבערס אַליין געקומען צו פאָרן, האָבן געלייענט זייערע ווערק און אָפּט אויך אויסגעלייגט פאַרן „רבין" זייערע לעבעדיקע צרות.

שטיינבאַרג האָט אויסגעהערט, האָט מדריך געווען, האָט פאַרריכט די לידער, די דערציילונגען און יעדער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ היים אויפמונטערונג, גלויבן און די אילוזיע פון אַ שליחות.

אויך דאָס איינציקע, כמעט הונדערטזייטיקע, העפט פון דעם זשורנאַל „קולטור", וואָס די „פעדעראַציע" האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן זומער 1921, איז געווען רעדאַגירט אויסשליסלעך פון אליעזר שטיינבאַרג, כאָטש אויפן שער־בלאַט איז צוליב עפּעס פאַרצייכנט געווען „רעדאַגירט פון אַ קאָלעגיע".

אין דעם אייגענעם יאָר 1921 איז אין פאַרלאַג פון דער „פעדע־ראַציע" אַרויס שטיינבאַרגס יידיש־לערנבוך „אַלף־בית" מיט אילוסטראַציעס פון די מאָלער אַרטור קאָלניק, רובין און שלמה לערנער (עטלעכע חדשים פאַר דעם האָט די „ציוניסטישע פעדעראַציע אין רומעניע" אַרויסגעגעבן שטיינבאַרגס העברעיש לערנבוך „אלפון").

שטיינבאַרגס לערנמעטאָד, „אלפון" און „אַלף בית", וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן פאָלקסטימלעכן „קמץ אַלף—אָ", איז אויפגענומען געוואָרן צום טייל מיט אומבאַדינגטער הסכמה און באַגייסטערונג, צום טייל אויך

מיט ספקות און מיט שאַרפער קעגנערשאַפט. אָבער קיין שול איז דורך דעם ניט געשאַפן געוואָרן. דערפאַר האָט מיט שטיינבאַרגס אָנקום אויפ־געבליט אין טשערנאָוויץ גאָר אַ נייער קולטור־צווייג — דאָס קינדער־טעאַטער.

כאָטש קיין יידיש־שולן האָט טשערנאָוויץ נישט פאַרמאָגט, אָבער דערפאַר אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו זיי, און גאָרניט האָט די דאָזיקע בענקשאַפט אַזוי געשפייזט און געצונדן, ווי די קינדער־פּיעסן, וואָס שטיינ־באַרג האָט צווישן 1920 און 1928 פון צייט צו צייט אויפגעפירט אין איינעם פון די גרויסע שטאָטישע זאַלן. ער אַליין איז געווען דער מחבר און על־פּי רוב אַליין דער רעזשיסער. עס זענען געווען קינדער אויף דער בינע און קינדער מיט טאַטעס און מאַמעס אין זאַל — אַלע פאַרייניקט אין פרייד, אין הנאה און שעפערישער אַמביציע אַרום יידיש — די שענסטע און עפעקטיווסטע דעמאָנסטראַציעס פאַר יידישער דערציונג. אין זכרון זענען באַ מיר פאַרבליבן די נעמען פון צוויי קינדער־פּיעסן: „יוסף מוקיר שבת" און „מכירת יוסף", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין זאַל פון טשער־נאָוויצער שטאָט־טעאַטער, שבת, דעם 8־טן אַפּריל 1922.

וועגן „מכירת יוסף" האָט געשריבן די וואָכנצייטונג „פרייהייט" פון די לינקע פועלי־ציון, אַז אין איר „פילט מען דעם הויך פון אונזער צייט, וואָרום דער דיכטער וואַנדערט צוריק אין דער צייט נישט לשם ראָמאַנטיק, נישט סתם ליבשאַפט צו אַלץ וואָס אַלט און דורך אַלטקייט שיין. ביבלישע מאָטיוון זענען פאַר שטיינבאַרגן נאָר די קאַנווע, אין וועלכער ס'לאָזן זיך קינסטלעריש אַריינוועבן טיף דורכגעווייטיקטע מאָדערנע פּראָבלעמען פון אונזער צייט".

„עס איז צו באַוווּנדערן אין „מכירת יוסף" דעם דיכטערס פיינער חוש פאַר די קולטור־צושטאַנדן אין מצרים, דערעיקרשט אין דער סצענע, ווו יוסף איז פותר חלום פּרעהן". „די דערקענונג־סצענע פון יוסף מיט זיינע ברידער איז רייך אין וויטע היסטאָרישע אַסאָציאַציעס און אין פּערלדיקע געדאַנקען־בליצן". „מע האָט אַ ווילדע הנאה פון די אויסטערליש־שיינע צוויבער־שפּרוכן וואָס האָבן זייער קוואַל אין דער ביט צום אויסשעפּן טיפער פאָלקסטימלעכקייט פון שטיינבאַרגס שאַפונג".

ערשט אין יאָר 1924 איז אַרויס אַ וווּנדערלעך־שיינע אויסגאַבע פון שטיינבאַרגס צוועלף משלים אין גמרא־פאָרמאַט מיט אילוסטראַציעס פון אַרטור קאָלניק — אַ ביבליאָפילישע שיינדל, און מחמת זיין הויכן פּרייז ניט צוטריטלעך פאַר אַ געוויינלעכן קויפער.

אין שטיינבאַרגן האָבן זיך געראַנגלט און ניט געקאָנט מיט זיך

דורכקומען דער קולטור־פאַרשפּרייטער, וואָס איז להוט נאָך וואָס מער גוטע ביכער פאַר דער ברייטער לייענערשאַפט, און דער ביבליאָפיל, וואָס איז פאַרקאָכט אין דער דרויסנדיקער צורה פון אַ ספר, עס זאָל זיין וואָס שענער, וואָס רייכער און געדויערדיקער. דאָס האָט דערעיקרשט אָפּגע־האַלטן דאָס אַרויסגעבן שטיינבאַרגס אַ באַנד משלים, וואָס אַלע האָבן געפילט, אַז דערמיט מוז דער פאַרלאַג אָנהייבן.

מיר מוזן שאַפן — האָט ער מיט אונדז איינגעטענהט — אַ באַזונדערן נוסח רומעניע פון אַרויסגעבן יידישע ביכער. אַ מוסטער פון דעם „נוסח רומעניע" איז געווען די מאַפּע פון 12 משלים „אונטער דער בריל" מיט קאַלניקס אילוסטראַציעס. אויף מער האָט קיין כוח ניט געסטאַיעט.

אַביסל אַן אַנטוישטער און אַ מידער פון דער „שווער־פּיסיקייט" און „רענדאַרסקער אַטמאָספער" אין יידיש רומעניע, און מער פון אַלץ פון די פּאַרטייאישע און אידעאָלאָגישע רייסענישן אַרום דער קולטור־אַרבעט, האָט שטיינבאַרג אָנגענומען די איינלאַדונג פון פריינד אין ריאָ דע זשאַניירא צו ווערן דער פּאַרוואַלטער פון אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער שול אין דער בראַזיליאַנישער הויפּט־שטאָט.

דער אָפּשיד־אָוונט, מיט שטיינבאַרגס אַ לעקציע וועגן „שיר־השירים", איז געווען איינעם פון די גרויסע זאַלן פון דער יידישער געזגנט. איך דערמאָן זיך שוין ניט צי דער זאָל איז געווען „באַראָשעאום" אָדער „טאָמיס", אָבער איך געדענק קלאָר און וועל שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם ברוי־זנדיקן געזאַנג „אונדזער רעבעניו", מיט וועלכן די יוגנט, צום מייסטן יונגעליייט צוגעוואַנדערטע קיין בוקאַרעשט פון בעסאַראַביע און בוקאָווינער שטעטעלעך, האָבן באַגעגנט שטיינבאַרגן, ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע.

שטיינבאַרג איז געשטאַנען אויפן באַלעמער אַ פאַרלוירענער מיט אַ היפּש ביסל אומגעדולד אין בליק און דערעיקרשט אין די באַוועגונגען פון זיין לעגענדאַריש־קליינער געשטאַלט, און האָט געוואַרט אַז דאָס געזאַנג זאָל זיך לייגן.

אַ רעדנער איז שטיינבאַרג בטבע געווען ניט פון די בעסטע. דאָס קול — ניט מאָדולירט; די שפּראַך — אָפּט אומבאַהאָלפן און די אַרכי־טעקטור פון דער רעדע אַ סך מאָל ניט געראָטן, אומקלאָר און פאַר־פּלאָנטערט.

די אַלע חסרונות האָבן זיך אָבער ווי דורך אַ כישוף אָפּגעטאָן, וויבאַלד שטיינבאַרג האָט גענומען אימפּראָוויזירן אַ מעשהלע וועגן וועלט־באַשאַף, וועגן שטערן, וואָס בלאָנדזשען פאַרטריבענע איבער וועלטן, וועגן

וואַרעמע נעכט, וואָס שלאָפן אין דרויסן, אָדער גאָר וועגן נשמות, וואָס זענען אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער ערד מיט געהיימע און גרויסע שליחות.

דעמלט האָט זיך שטיינבאַרג ניט בלויז פלוצים פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן רעדנער, נאָר די ווערטער און די בילדער, וואָס ער האָט בעת מעשׂה פון זיך אַרויסגעצויבערט, האָבן געהאַט דעם ריח און דעם טעם פון אמתער גוט־יידישער תּורה. אין אַזאַ מאָמענט האָט מען געדאַרפט קוקן אויף די פּנימער, יינגערע און עלטערע, אין זאַל. אַלע חסידיש־צעפלאַמט און אָנגעשטרענגט. אַלע — גלייך זיי זאָלן זיך מיען ניט צו פאַרגעסן די גלהדיקע ווערטער מיט וועלכע דער רבי האָט אָקאָרשט אַנטפּלעקט נסתּר־דיקע וועלטן פון אונטער און איבער די הימלען. אַ שפּאָר ביסל שיינע און טיפע מעשׂהלעך, וואָס שטיינבאַרג האָט באַשאַפן פון דער טריבונע אַראָפּ, זענען, ניט אויפגעשריבענע, אויף תּמיד פאַרלוירן געגאַנגען פאַר אונדזער ליטעראַטור.

מערץ 1928 האָט שטיינבאַרג פאַרלאָזט רומעניע. מיט זומער 1930 איז ער שוין געווען צוריק. אומגעקערט, האָט עס געהייסן, האָט ער זיך, ווייל סיי ער, סיי זיין פרוי האָבן זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו בראַזילס טראָפּישן קלימאַט. אָבער אויך דאָרט אין דער בראַזיליאַנישער רעזידענץ־שטאָט ריאָ האָבן ניט געפעלט, ווי שטיינבאַרג האָט מיר אַ סך מאָל דער־ציילט, „אידעאָלאָגישע קוטשמעס״, וואָס האָבן די הייסקייט נאָך הייסער געמאַכט. די אַטאַקעס פון די בראַזיליאַנישע ייד־קאָמוניסטן, וואָס האָבן אין זייער פּרעסע געהאַלטן אין איין פּסלען שטיינבאַרגס געזעלשאַפטלעכע פּראָגרעסיווקייט, ניט אויפגעהערט אים צו זידלען מיט די נעמען „נאַציאָ־נאַליסט״ און „רעאַקציאָנער״, האָבן זיך שטיינבאַרגן גוט איינגעגעסן אין די ביינער...

קוים זיך אויסגעטשוכעט פון די צוויי יאָר אין בראַזיל, האָט שטיינ־באַרג, לויט זיין שטייגער, ווייטער ניט גערוט. לעקציעס, זיצונגען און אַלץ נייע פּלענער: וועגן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, וועגן אַ שול און אַ שטענ־דיקן קינדער־טעאַטער. געזוכט דורכצוברעכן די וואַנט פון אַפּהעטיקייט און פון אַפּאַטיע. אַפּאַטיע — האָט ער ניט איינמאָל געטענהט מיט האַרץ — איז אַ בעזדיעטעניצע, אַן אומגליקלעכע בעזדיעטעניצע און נאָך אומגליק־לעכער, ווייל אַ צופרידענע, וואָס האָט נאָך אפילו ניט דערפילט, אַז —

„שווער דער צער פון גידול בנים —
ערגער איז נאָך אָן אים״.

דאָס יאָר 1930, מיטן אויסבראָך פונעם מאַטעריעלן און געזעלשאַפט־לעכן קריזיס, איז געווען דער באַגינען פון אַן אומהיימלעך גיכער, ממש איבערנאַכטיקער פאַראָרעמונג פון דער פויערים־און סוחרימשאַפט אין רומעניע, און ממילא פון דעם גרעסטן טייל יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד, און פאַראייניגט האָט זיך אויך אַנגעהויבן דער מוראדיקער פאָלי־טישער און געזעלשאַפטלעכער באַרג־אַראָפּ פון רומענישן יידנטום.

דער פחד פון דער „אייזערנער גוואַרדיע" איז געפאַלן אויף דער רעגירונג און אויף דער געזעלשאַפטלעכקייט. יעדע פאַרבינדונג מיט אַ יידישער אָרגאַניזאַציע אָדער גאָר אַ הנחה צו יידן אויפן געביט פון ווירטשאַפט און קולטור איז געוואָרן אַ מין פּאַטריאָטישע קאָמפּראָמיטאַציע, וואָס סיי די רעגירונג און סיי די רומענישע אָפּאָזיציע־פּאַרטייען האָבן זיך פון איר געזוכט אויסצוהיטן. איצט איז שוין געווען צו שפּעט צו טון אין דעם ענין שולן.

זעגען פאַר שטיינבאַרגן די קנאַפּע צוויי יאָר צווישן דעם אומקער פון בראַזיל און זיין פּלוצימדיקן טויט דעם 28־טן מערץ 1932, געווען אַ צייט פון באַזונדערער פּיין און ביטערניש. אַחוץ דעם איז אין אָט דער „דעפּרעסיע" שטיינבאַרגס מאַטעריעלע סיטואַציע געוואָרן אומזיכערער ווי ווען עס איז. זיין איינציקער מאַטעריעלער אָנשפּאַר זענען איצט געווען לעקציעס, פּאָר וועלכע מע האָט מיינסטנס געדאַרפט האָבן דערלויבענישן מצד דער מאַכט און אויך געמוזט פּאָר זיי אויספּועלן ספּעציעלע שטייער־באַפרייונגען אין בוקאַרעשט, אַנדערש האָט די „המוציא" אויפגעגעסן דעם קוילעטש און ס׳איז פאַרן לעקטאָר ווייניק וואָס געבליבן.

אין יענער צייט האָט ער מיר געשריבן קיין בוקאַרעשט:

„אַ לאַנגע קראַנקהייט, זאָגט מען, איז אַ געוויסער טויט, און שטאַרבן, ווי איר ווייסט, וויל איך נישט. האָב איך דערפּאַר באַשלאָסן, ענדלעך, צו מאַכן פּליטה, נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און אַנטלויפן וווהין די אויגן וועלן טראָגן". מיר האָבן אים, אָבער, ניט געלאָזט אַנטלויפן פון רומעניע. מיר האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט, ער זאָל ענדלעך אויפזאַמלען און אַרויסגעבן אַ באַנד משלים. בעל־פּה זענען שטיינבאַרגס פאַבלען שוין געווען דער גייסטיקער קנין פון יידיש רומעניע. מע האָט זיי אין די שטעט און שטעטלעך געקענט אויף אויסנווייניק און זינט 1920 איז נישט דורכ־געגאַנגען קיין יידישער „אָוונט" אין רומעניע אָן שטיינבאַרגס משלים.

ווען שטיינבאַרג איז געווען העט־ווייט איבער די ימים אין בראַזיל, האָט די רעציטאַציע פון זיינע משלים געפייערט איר גרעסטן טריאומף אין יידיש רומעניע דורך הערץ גראָסבאַרדס גרויסן טורנע איבערן לאַנד.

די יידישע יוגנט אין די שטעט און שטעטלעך פון בעסאַראַביע און בוקאָ־ווינע האָט זיך געטוליעט אַזוי פרום און בטחונדיק צו שטיינבאַרגס משלים, ווי זייערע טאַטעס צו אַ פרשה חומש מיט רש״י אָדער צו די זיסע אגדות פון „עין יעקב״. אליעזר שטיינבאַרגס ערשטן באַנד משלים איז מען צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן סוף 1931 אין טשערנאָוויץ. עס האָט זיך געגרינדעט אַ ספּעציעלער בוך־קאָמיטעט אונטערן פאָרזיץ פון שטיינבאַרגס נאָענטן פריינד ד״ר גבריאל ראָזענראָוך (איצט אין ישראל).

דער מאָלער אַרטור קאָלניק האָט צוגעשטעלט פיינע אילוסטראַציעס צו די משלים, און דאָס גוטע פּאַפּיר, וואָס מע האָט איינגעקויפט אין אויס־לאַנד, איז שוין געלעגן אין די „שאַץ־קאַמערן״ פון דער דרוקעריי.

אין חודש יאַנואַר 1932 האָט שטיינבאַרג אין בוקאַרעשט דורכגע־שמועסט מיט חברים (באַרבו לאַזאַרעאַנו, יעקב שטערנבערג און דער שרייבער פון די שורות) דעם סדר פון די משלים אין בוך, און דערעיקרשט אַ ריי וואַריאַנטן צו אַ טייל פון די פאַבלען. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די זעץ־אַרבעט פון דעם לוקסוס־בוך „משלים באַנד I״.

דעם 10־טן מערץ 1932 (17 טעג פאַר זיין טויט) שרייבט שטיינבאַרג מיט אַ ביסל זעלבסט־איראָנישער אָבער אומפאַרהוילענער פרייד צו דעם באַוווסטן רומעניש־יידישן שריפטשטעלער באַרבו לאַזאַרעאַנו:

„סוף כל סוף האָט איר מיך אויך נישט וואָס מקנא צו זיין. איך בין שוין אויך אַריין אין דרוק. איך ליג, ברודער, אין פרעס. נישט געקענט זיך אויסדרייען. נישט געהאָלפן קיין טענות!..

„די משלים וועלן גיין אין 5 אָפּטיילונגען: א) „האַמער און אייזן״ (באַמבאַסטישע), ב) „רויך און כמאַרע״ (פאַרשיידענע), ג) „בעלי־בתים״ (אַ ציקל משלים, וואָס זייער אויפשטעל איז דער חזיר, אונדזער יוסטער בעל־הבית), ד) „אותיות״ (משלים, ווו די אותיות רעדן), ה) „קלינגט דער זייגער דריי״ (לירישע משלים אונטערן משל „דאָס בלימעלע״: שפּעט, סע קלינגט דער זייגער דריי... קלאַגן זיך? פאַר וועמען? נישט כדאי! שאַ, סע שלאָפט דאָס מענטשעלע פון בליי!..) דערווייל דרוקט זיך דער ערשטער בויגן פון ערשטן ציקל״.

און ווען דער ערשטער בויגן איז אַרויס פון דרוק איז שטיינבאַרג שוין געלעגן אויף אַ שפּיטאָל־בעטל נאָך אַן אויף־דער־גיך דורכגעפירטער אַפּענדיקס־אָפּעראַציע. דער ווייזער פון דעם וואַנט־זייגער אין קאָרידאָר פון טשערנאָוויצער יידישן שפּיטאָל האָט זיך גערוקט צו דער דריטער שעה נאָך מיטנאַכט און —

....ביי זיך אין צימערל רב לייזערל דער קליינער
רעדט מיט זיך אַליין ער.
פרעגט ער באַ זיין אומעט:
„וואָס איז איינער?"
הערט ער ווי אַ פליג אין אויער זשומעט:
איינער איז דאָך קיינער!
זאָגט די שאַרפע ספקות־ווייי
וואָס צעשניידט אים: איינער איז גאָר צוויי!
פרעגט ער: וואָס־זשע פיל איך עמיצן
אַ ניט־געוועזענעם דערביי?
קלינגט דער זייגער דריי.

און ווען דער זייגער האָט אויסגעקלונגען דעם דריטן קלונג, האָט דער דיכטער פאַרענדיקט דעם שמועס מיט זיך אַליין און איז איינגעשלאָפן — אויף אייביק.

אָבער מיט אַ דריי שעה פריער האָט ד"ר נטע ראָזנבלאַט (געשטאָרבן אין ישׂראל), וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט באַם קראַנקנס בעט, געהערט שטיינבאַרגס געדאַנקען אין אַזעלכע התנצלותדיקע ווערטער: „און אַז מען שרייבט אַן 500 משלים און צווישן זיי אויף שוואַכערע, איז מה כּל הרעש?!" (דעם געשפּרעך מיט ד"ר נטע ראָזנבלאַט ז"ל האָב איך פאַרצייכנט אין מיין טאָג־בוך עטלעכע טעג נאָך שטיינבאַרגס לויה, זונטיק דעם 3־טן אַפּריל 1932).

אָט די ווערטער פון התנצלות און זעלבסט־קריטיק, וואָס זענען געווען אַזוי אין הסכם מיט שטיינבאַרגס לעבנס־נוסח, זענען געווען זיינע לעצטע פאַרשטענדלעכע ווערטער.

געשטאָרבן איז אליעזר שטיינבאַרג אין דער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק דעם 28־טן מערץ 1932. ער איז אַלט געוואָרן 52 יאָר מיט 6 טעג.

עפּעס אַ נסימדיקער בת־קול, אַזוי ווי בשעתו ביי פּרצעס טויט אין וואַרשע, האָט, ווייזט אויס, דעם 28־טן מערץ 1932 גערעדט צו די 50 טויזנט יידן פון דער קהילה קדושה טשערנאָוויץ און זיי אָנגעזאָגט, אַז ס'איז נפטר געוואָרן נישט סתם אַ ייד אין שטאָט, נאָר אליעזר שטיינבאַרג.

די קהילה־פאַרוואַלטונג, וואָס אַ היפּשער טייל פון אירע מיטגלידער האָט וועגן שטיינבאַרגס ווערק ניט געוווּסט און אפשר אפילו זיין נאָמען ניט געהערט, האָט זיך פּלוצים געטומען גרויסן מיט דעם „גרויסן ייד". דער

ראש־הקהל האָט אָנגעבאָטן אַן „ערן־קבר" אין דער פעדערשטער ריי צווישן די „פּני־העיר".

אָבער נאָכמער אויפגעברויזט ווי די ראשי־הקהל איז געווען קהל אַליין. ווען מיר, די נאָענטסטע פריינד פון אליעזר שטיינבאַרג, האָבן אים דעם אַנדערן טאָג, דינסטיק, 29־טן מערץ 1932, געטראָגן צו קבורה, האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַן איבערראַשנדיקער ספּעקטאַקל: טויזנטער מענטשן האָבן געשטראָמט צום טעאַטער־פּלאַץ פאַר דעם „נאַציאָנאַל־הויז", ווו עס זענען געהאַלטן געוואָרן די ערשטע הספּדים (ד״ר ישראל שעפּלער אין נאָמען פונעם „יידישן שול־פאַריין" און משה אַלטמאַן אין נאָמען פון דער יידישער ליטעראַטור). פונעם „יידישן נאַציאָנאַל־הויז" איבער דער גאַנצער לענג פון דער רוסישער גאַס צום בית־עולם האָבן יידן (פאַר איבערראַשונג) און אויך אַ שפּאַר ביסל גויים פאַרמאַכט זייערע קראָמען. דעם אָרון האָבן חברים פון דער „שול־פאַריין"־יוגנט געטראָגן די גאַנצע צייט אויף די אַקסלען, און ווען זיי זענען אָנגעקומען צום טויער פון בית־עלמין, איז דער הינטערשטער טייל פון דער לויה נאָך געווען באַם סאַמע אָנהייב פון דער רוסישער גאַס. די פּאָליציי האָט געשאַצט די צאָל פון די מלווים אויף 10 טויזנט (אַ פינפטל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט). דער טשערנאָוויצער קאָרעספּאָנדענט פון דעם גרויסן בוקאַרעשטער טאָגבלאַט „דימינאַצאַ" האָט אין זיין באַריכט וועגן דער „יידישער דעמאָנסטראַציע" דערציילט, אַז לויט אָפיציעלער אינ־פאָרמאַציע, האָט טשערנאָוויץ, זינט זי געדענקט זיך, אַזאַ גרויסע לויה נישט געזען.

מיר האָבן שטיינבאַרגן נישט מקבר געווען אין דער „פעדערשטער ריי", ווי דער ראש־הקהל האָט אָנגעבאָטן, נאָר אים, דעם צויבערדיקן מעשהלעך־דערציילער, אַוועקגעלייגט צו אייביקער רו אין אַ קבר צעווישן די קברים פון קינדער, וואָס דער טויט האָט פאַר דער צייט דערשטיקט זייער גלוסט צו מעשהלעך.

הספּדים באַם אָפענעם קבר האָבן געהאַלטן דער קולטור־טוער חיים קראַפט, דער ווילנער שרייבער פאַלק האַלפּערין, באַרבו לאַזאַרעאַנו, די דיכטער יעקב שטערנבערג, איציק מאַנגער און דער שרייבער פון די שורות. אַ סקרוך איז דורכגעגאַנגען איבערן לייב ווען לאַזאַרעאַנו האָט אויסגערופן: —

„מיר זענען געווען באַשיידן אויף זיין חשבון. פאַרוואָס האָבן מיר זיך ניט אַוועקגעשטעלט אויף די שייד־וועגן און ניט געשריגן: פאַראַן אין אונדזער מיט אַן אליעזר שטיינבאַרג. קומט וואַרעמט אייך אין זיין

ליכט. קומט לאָמיר וואַכן, אַז מיר זאָלן אים ניט פאַרלירן, ווייל אויב מיר פאַרלירן אים ווערט חרוב אַ וועלט״.

אַ שווער שולד־געפיל האָט געהויערט איבער די קעפּ פון די טויזנ־טער יידן, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם אָפענעם קבר און זיך צוגעהערט צו די הספדים.

אויף דער מצבה — אַ ברייטע כמעט קוואַדראַטישע וואַנט, וואָס שטייט באַ דער רעכטער זייט פון דער קרקע, ווי עפּעס אַן אַראָפּגעלאָזטער שטיינערנער פירהאַנג, הינטער וועלכן עס גייט אָן אַ סודותדיקער ספּעקטאַקל (צייכענונג: אַרטור קאָלניק) — זענען אויסגעהאַקט געוואָרן די ערשטע צוויי שורות פון משל „דער האַמער און דאָס שטיק אייזן״, מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן דער ערשטער באַנד משלים:

„טרויעריק קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראַמער!
ביטער! מיט אַ משל כאָטש זיך קוויקן לאָמיר.״

די שורות האָבן דעם ריח פון צוואה און פון וועלט־אָנשויונג.

שלמה ביקל

דאָס זענען די משלים פון אליעזר דער זון פון יהושוע,
און רייזל געהייסן זיין כּשרע מאַמע די צנועה,
נשמתם בגנזי מרומים.
און ער וואָס?

אַ טויב וואָס לאַכט און וויינט צעווישן חורבות,
אַ שאַרך פון אַ בלאַט וואָס דער ווינט רייסט פון בוים אים,
אַ יתום צעווישן יתומים!
אַמאָל ער פאַרשעמט, אָדם־נאַקעט באַהאַלט זיך צעווישן די ביימער
און הערט נאָר דאָס קול פון זוגתו רעוועקאַ:
„אַ י כּ ה?”
ווו ביזטו? קום, גיי׳מיר...

# דער בער

טריט בײַ טריט, פּאַמעלעך, שווער,
אויפֿן הימל קריכט אַרויס דער בער
„וואַלקנכמאַרע”.
ער באַטראַכט די וועלט מיט אויגן שטאַרע.
אָט אָ לייגט ער אויף דער זון זײַן שוואַרצע לאַפּע!
ס׳איז די וועלט על אַפּו
ועל חמתו. בוררר! — די ערד טוט זיך אַ וואַקל!
אַקאָרשט וואָס געמאַכט ער איר סך־הכּל
און געפּונען מערניט ווי צוויי גימלען —
גאָלע גאָרניט... בורטשעט אין אים, ברענט אין די געדערים,
רײַסט ער שטיקער פֿון דער זון און פֿון די הימלען
און ער וואַרפֿט זיי פֿאַר די הינט און די חזירים...
און בשעת ער
האָדעוועט די הינט מיט זון און הימל,
טרייסלט עס מיט באַרג און טאָל און בוים און בלימל,
מיטן גאַנצן וועלטגעווימל,
און עס גיסן טײַכן בלוט ווי וואַסער...
בלוט? וואָס זאָג איך? איך קען שווערן —
ניט קיין בלוט, נאָר בלוטיקע פֿון דורות־לאַנג דערשטיקטע טרערן.
סוף כּל סוף מיט איינמאָל אויסגעבראָכן אין אַ פֿינצטערן גאָס־רעגן!

— זיידעשי, וואָס וויל דער טאַטע פֿון די בערן?
שיקט דער וואַלד צום אַלטן דעמב אַ שאלה פֿרעגן.
— וואָס ער וויל? פֿון דעמב אַ קול סע הערט זיך דומפּיק

גלײַך אַ האַק שלאָגט ערגעץ טיף. די האַק אָבער ניט שטומפּיק,
הילכן אַף די דעמבענע װערטער שאַרף:
צעשטערן װיל ער! אַלץ צעשטערן!
אָבער פֿרעגט ניט װאָס ער װיל, נאָר װאָס װעט װערן!
הערט:
װערן װעט פֿאַרקערט —
רײַסט דער בער די הימלען, װעקט דאָס לעבן זיך פֿון אונטער דר׳ערד.

# שעטנז

איך דערצייל דאָך אײַך מכּל־וכל —
נו, דערצייל איך וועגן קישעלע פֿון זײַד
און אויכעט וועגן קישעלע פֿון וואָל.
וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, עס הייסט הײַנט וואָל בײַ לײַט!
באַנוול מער ווי וואָל סך־הכּל!

און דאָס זײַדן־קישעלע?
אויסגענייט אויף אים אַ גילדן פֿישעלע
און אַן אינדיק מיט אַ קאַפּהאָן (אויף זײַן קאָפּ אַ פּאַקל!)
און וואָס אינעווייניק? פֿעדערלעך, וואָס גוטע פֿרומע באָבעס
אויסגעפּליקט פֿון הינדעלעך, געקוילעטע אויף שבת.

ווייך דאָס קישעלע און שיין!
און איר דאַרפֿט דאָס ניט דערציילן אים — עס ווייסט אַליין!
רעדט עס מיט אַ שטיל ווייך־זײַדן קול,
זאָגט צום קישעלע פֿון וואָל:
— זייט ־זשע מוחל, רוקט זיך אָפּ פֿון מיר!
כ׳בעט אײַך, טוט זיך ניט צו מיר קיין ריר!
— און פֿאַרוואָס? — דערפֿאַר! מ׳דאַרף ניט!
— פֿאַרט?
— אַז איך זאָג מ׳דאַרף ניט, מעגט איר גלויבן אויפֿן וואָרט.
— אָבער דאָך! ווי זאָגט מען עס?
אַ וואָרט אַן איבעריקעס וואַרף ניט —
און אַמאָל איז פֿאַרט דאָס אויפֿן אָרט.

— טאָ! אַז אײַך איז ניחא...
איר זענט, האָט מיר קיין פּאַריבל —
נו, ווי רופט מען דאָס? ווי הייסט דאָס אין דער ביבל?
(איינמאָל זיך אָנשפּאַרנדיק אויף מיר דער שיינער מיכה
זים געליינט עם פאַרן קליינעם מאַקס)
איר זענט, נו... אַ שעטנז... וואָל און פלאַקס!
ניט פון ריינעם יחוס! גרעבלעך! האַרט!
— ע! אַזוי? אַזוי גאָר?! אָבער — וואַרט!
נו, געוויס! אַ שעטנז איך און איר זענט פײַן און צאַרט —
אָבער ניט פאַרגעסט, דערמאָנט זיך גוט,
פאַר אײַער צאַרטקייט וויפל הינדעלעך באַצאָלט מיט בלוט!

# דער אויוון און די לאָפּעטע

מאַלע איז מען הונגעריק! נו, עפנט מען אַזוי אַ מויל?
ווי ער פײַערט! טויזנט און איין קויל!
גלײַך אים אַ מחויב! ברויט אים געבן! שפּײַזן!
אוי, וואָס שלעכטע מײַלער זענען!
יידן, איר זענט עדות! ער וועט מיך אַמאָל פאַרברענען!
איך בין ניט פון שטאָל און ניט פון אײַזן!
ניין! ניטאָ איז באַ די לײַט קיין דאַנק אַ טראָפּן!
וואַרט! איך וועל דיין מויל מיט ברויטן דיר פאַרשטאָפּן!
ווײַל דיר קומט! אַוודאי, יאָ, פאַר דײַנע מעשׂים טובים!
(רעדט מיט כּעס די לאָפּעטע צום אויוון).
און דער אויוון הודעט און ער ברענט:
— אוף, אוף! סאַראַ ברויטגעבער, ר׳ לאָפּעטע, איר זענט!
שפּײַזט מיך... אײַער חסד גרויס!
און דעם ביסן רײַסט איר מיר פון מויל אַרויס!

# שופר של משיח

איינמאָל אלול-צײַט דערהערט דאָס אייזל שופר שאַלן
און עס ווערט דערציטערט: שופר של משיח!
— ווען כ'האָב פליגל, שרײַט עס, פלי איך
און צעטראָג די בשורה איבער אַלע שטאַלן.
זאָל מען וויסן! זאָל מען כורעים פאַלן! —
פלוצים אָבער גאָר די פרייד פאַרשטערט:
ס'אייזל האָט דערזען אַ רײַטער אויף אַ פערד
און עס יאָמערט שוין, עס קרעכצט שוין:
ווײ, ווי לאָזט מען אויף זיך רײַטן?!
ווי מע פילט ניט, אַז שוין ניט די יאָרן, ניט די צײַטן!
(עס צעהיצט זיך, עס איז מלא-חימה)
אַ! פאַרפאַלן! אַ! בהמה בלייבט בהמה!
שופר של משיח וועט זיי ניט באַפרײַען!
אַז סע ווייסט נאָר איינס: מעלה-גרהן, קײַען!
אַז סע ווערט געבוירן מיטן זאָטל!
אַז פון מאַמעס בויך שוין עובר-בטל!
טעמפּ!
און אַז טויזנט שופרות בלאָזן, רירט זיך דען אַ דעמב? —
און געזידלט און געזידלט ער דאָס פערד אָן אויפהער, אָן אַ מאָס,
טראָגנדיק אַליין אויף זיך זײַן אייגענעם באַלבאָס!

## זיך פֿאַררעדט

סאַנע קומט דאָס אייזל שפּאַנען,
און דאָס אייזל נעמט זיך טענהן
(תּמיד דאָס געווען אַ נאַרעוויסטע):
זאָג מיר נאַר, ווער ביסטו?
מיינסט, באמת, מיך פֿון דיר טיילט אַפֿ אַ גרויסער שטח?
נו, באַרעכן נאַר, איך בעט דיך:
מיך ווי דיך אַ מאַמעס בויך געבוירן,
און אַ מאַמע מיך ווי דיך געזויגן,
און באַשמעקט אונדז, און געקוקט אונדז אין די אויגן,
ווען אַפּעטיט און פֿרייד, חלילה, מיר פֿאַרלוירן.
און איין ערד אונדז ביידע האָדעוועט מיט איין באַדינג,
אַז מיט אונדזער פֿלייש און ביינער פֿאַר אַלצדינג,
ווען איר וועט נאַר פֿאַרוועלן, צאָלן מוזן מיר בשלמות,
און דאָס נעמען ווי דאָס נעמען, נאַר דאָס צאָלן

אונדז ניט גרינג...

(יאָ, נישקשה, ביידע זענען מיר בהמות!)
וואָס־זשע, סאַנע, נעמסטו איבער גאַר אַזוי זיך?
וואָס פֿאַר אַ מחויב איך דײַן משׂא דיר צו טראָגן?
(הערט: אַ נאַר, אַ נאַר און שאָקלט אוים זיך!)
ניין, איך טראָג ניט מער! ווילסט שלאָגן?
שלאָג מיך, הרגע!
וועסט ניט פּועלן! ביסט דו אַ יחסן, —

בין איך אויך ניט קיין כאַסדאַרגע*...

* נחות־דרגה, מינערווערטיק.

וויסט, מיין עלטער-באָבע נאָך מיט בלעמען געלערנט בלק!
צוגעשפּאַרט אים צו דער וואַנט און אים באַוויזן,
אַז אַ גלײַכער וועג קען אויך זײַן באַרגיק-טאָליק.
דו פאַרשטייסט? דאָס איז ניט פּשוט! איזן
איז דער וועג אַ ווירע, אָבער „יָרַט״, ס׳הייסט: לאַקירדע,
עפּעס גייט ניט, עפּעס פאַרט ניט... און סע וועט ניט פאָרן, סאַנע!
אייביק, מיינסטו, וועל איך זײַן בײַ דיר אַן עבד-כּנעני?!
ווי אַ גלײַכער צו אַ גלײַכן וועל איך רעדן הײַנט, מיט ווירדע!
אויפן אַלטן דרך וועט ניט גיין שוין! — יָרַט!
חושך וחלקלקות און פאַרצרהט! —
שיט אַזוי דאָס אייזל, שיט עס, נאָר וואָס איז דערפון? —
אין זײַן קלוג געקרײַזלט פלוידערײַ אַזוי פאַרטון
(ממש זיך פאַרכליניעט אין די קלאָרינקע דיבורים!),
אַז אַן מי און אָן יסורים
דאָסמאָל גרינגער נאָך ווי תּמיד דער באַלבאָס
אויף אים אָנגעלאָדן משׂא זיבן מאָס.

# לאָקן

לאָקן,
וואָס אַ קאָפּ אַ קלוגן פֿון אַ וועלט־חכם אַ זקן
האָבן ווי אַ זילבער־קראַנץ באַחנט,
אָפּגעשוירן האָט דאָס שערל. מיינט איר דאָך, דערשראָקן
זיך די לאָקן?
חס ושלום! גאָר דעם קאָפּ באַדויערט זיי, באַוויינט.
(לאַנגע האָר און קורצער שכל! איר פֿאַרשטייט? געמיינט,
זילבער־לאָקן פֿאַר אַ קלוגן קאָפּ אַ מוז
און דערצו מסתּמא אַ זכות.
ניט אומזיסט דאָך אויפֿן קאָפּ דער חכם זיי געטראָגן!)
מאַכן חנדלעך זיי און זאָגן:
שיידן, נו! אַוודאי שווער!
נאָר קיין טענות ניט, חלילה, צו דער שער!
פֿרײַ וועל'מיר גייען, וועל'מיר וואַנדערן
פֿון איין לאַנד אין אַנדערן,
און אין יעדן לאַנד
אונדז מיט ליבשאַפֿט גלעטן וועט אַ ווייכע האַנט,
אומעטום מיט כּבוד אונדז אויפֿנעמען
און מיט קעמעלעך מיט גילדענע אונדז קעמען.
זילבער־האָר איז זילבער־האָר, נו פֿאַרט אַ זילבער־שבט.
זיי וועט ניט פֿאַרלאָזן גאָט־ברוך־הוא.
אָבער דו?! —

אינדעם, אַ־וואַ! מיאום!

זעט! דעם זילבער-קראַנץ דער חכם טרעט גאָר מיט די פּיס,
און ער שמייכלט: ס׳טרעפט זיך, זאָגט ער, אַפּט און ניט אומזיסט,
וואָס אַמאָל אויף קאָפּ געטראָגן, טרעטן מיר ווי מיסט.

*

אין איין משל זיבן מיינען,
יעדער קאָן אים אין זיך עפּעס אַנדערש לייענען.
איינעם געדענקען וויל איך איצט דאָ בעטן:
אויף צופרידן מיסט — גאָט אַליין געהייסן טרעטן!

# דער זייגער און די ניימאַשין

— פגר!
שרײַט די ניימאַשין צום זייגער,
(וואָס ער הענגט אים קעגנאיבער אויף דער וואַנט)
טאַק־טיק, טאַק־טיק קלאַפּט ער דורכאַנאַנד!
איַינגעגעסן מיר דאָס לידל שוין! איך זאָג דיר על־פּי פּראַקטיק.
כאַפּט דער רוח דיך מיט דײַן טאַקטיק!
ווי ער האָט דער נודניק ניט קיין בושה!
ציַיט שוין די געגאַרטע שעה צו שלאָגן! רו־שעה!
און מע הערט ניט און מע זעט ניט!
קומט צום קלינגען, איז ער
דער בעל־טאַקטיק גאָר אַ נזהר,
טאָמער קלינגט ער פֿאַר דער צײַט, חלילה, ווען מע בעט ניט!
האַלט ער זיך אַרונטער, האַלט ער, ווײַל אַרונטער
על־פּי טאַקטיק אים געזונטער!

— חס־ושלום! (קרעכצט דער זייגער קראַנק)
גלייב: איך וואָלט געקלונגען לאַנג
ווען נאָר ניט דאָס שליסעלע, מײַן רעדל־פירער,
דרייט צוריק מײַן גאַנג!

# די קאַפּאָטע און די שטיוול

די קאַפּאָטע מיט די שטיוול רעדט זיך איבער:
— אַך פון אים־זאָל־לעבן היינט געהערט אַ דיבור:
הילצערן שטייסל זיך געשטייסלט
און אַן אייזן שטייסעלע געבוירן,
וועט צעשטויסן דאָס די מויערן
און די שלעסער פון גן־עדן־טויערן!..

— שטותים, פונעם אַרבל אויסגעטרייסלט!

— עזות־פּנים מיט זיין נאַרישקייט זיך גרייסלט!
ניט באַדאַרפט דערציילן דאָס אין תּוך,
אַבער גיי, אַז אין דער קעשענע אַ לאָך
און איך פאַרלוירן —
ניט אַ יעדעס וואָרט איז דאָך פאַר שטיוול־אויערן...

# די וואַגשאָלן

ציגנגל פון דער וואָג!
ווילסט עפּעס דערציילן? זאָג! —
יאָ! אַ מעשׂהלע פון שטענגל-שטאַנגען.
אויף איין שטענגל שאָלן צוויי געהאַנגען
און זייער לעבן שטיל בשלום זיך געגאַנגען.
ביידע זיך בנעימות אויפן שטענגעלע געוויגט,
גוטס צי שלעכטס—געטיילט זיך גלײַך אויף גלײַך, און ניט געקריגט.

מאַכט זיך גראָד אַמאָל,
פאַלט אַ בייזער גורל אויף אַ שאָל:
פון דער צווייטער, פון דער שכנה,
משׂא שווערע, אָן אַ שיעור
טראָגט מען איבער נאָר אויף איר, אויף איר,
טראָגן העט אינגאַנצן מוז זי, נעבעך, איינע!
— זע נאָר, שוועסטער, קרעכצט די אָנגעלאָדענע,
איך פאַל, איך פאַל מסוכּן!
און דו, שכנה? — וויים איך וואָס! — זי וויל ניט קוקן!
זי איז הויך! און מער איר שוועסטער פאַלט,
זי נאָך מער דערהויבן!

אָבער וויי! געוואַלד!
בּאַ דער שוועסטער פּלאַצט געדולד און גלויבן!
אָפּגעריסן אַלע שטריקלעך!
און געפאַלן זי, צעבראָכן זיך אויף שטיקלעך,
מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ קנאַק!
אָבער אויך די יחסנטע געהאַט איר פּסק
(היט אונדז גאָט פון אַזאַ סוף!)
זי אַראָפּ און קיינמאָל ניט צוריק אַרויף!

# דער נביא קראָ און די טויב

אויף אַ בוים דער נביא־קראָ געזעסן
מרה־שחורהדיק פאַרטראַכט.
ניט קיין קראָ — אַ פינצטער שטיקל נאַכט,
וואָס די זון היינט אויפן בוים פאַרגעסן,
פונעם שלאָף ניט אויפגעוועקט.
קומט די טויב צו פליען און זי פרעגט:
נביא הייליקער, וואָס הערט זיך?

— שלעכט, דער מוח קערט זיך!
(ענטפערט איר דער נביא־קראָ פאַרכמורעט).
אויפגעגאַנגען היינט די זון פאַרזשמורעט,
פויל.
ז׳האָט געטאָן אַ געניץ מיטן פולן מויל
און צוריק געלייגט זיך שלאָפן,
אויגן האַלב פאַרמאַכט, האַלב אָפן
און געפלאַמט איר לינקע באַק...

— וואָס־זשע זאָל דאָס הייסן?

— דער וואַלד וועט אָפּברין זיך מיט הייסן
אָדער קאַלטן! אָדער דונער אָדער האַק!

— טאַקע?
וואָס־זשע שווייגסטו? קראַקע!

שרײַ! ווײַז אָן באַצײַטנס די רפואה צו דער מכּה!

— קראַקען? שרײַען?
ווען בײַם לייב דעם ברום זאָל איך מיר לײַען,
ווען דער וואַלד דען הערן? דבר אל העצים!
טויב דער וואַלד, כאָטש מיט אַ מבול רייד פאַרפלייץ אים!
קער איך אָפּ פון אים זיך מיט פאַרדראָס
וואָרום סוף כּל סוף, ווער ווייסט ניט דאָס? —
ווערטער
בערג געווירט דאָך פון די ערטער!

— ניט קײַן ווערטער, נאָר דאָס וואָרט...
זאָגט די טויב. אַז ניט דאָ, איז מעגלעך — דאָרט...

# דער וואָלף און דאָס וועלפעלע

זיצט דער וואָלף און לערנט אלף־בית מיט זײַן בנ׳אָקל:
זאָג־זשע! רעד־זשע! טוט דער רבי זיך אַ שאָקל.
קוק, לייג־צו דאָס אייגל:
דאָס — אַ מם און דאָס אַ סגל.
זע!
סגל מם איז — מע!
דאַכט זיך: וואָס־זשע? וואָס איז גאָר מע?
ערמה? זאָג איך דיר, מײַן זון, מע — מע איז ערמה!
שמד־שטיק, הינטערשיסעלעך,
אַלדאָס־בייז אויף כּשרע פיר־פיסעלעך
אײַנגעהילט אין פרומעניש, אין קוטשעראַווע מיינדעלעך —
שווײַג ניט! שטעק די ציינדעלעך!
שינד אַראָפּ פון אונז דאָס פעלעכל, דאָס פרומע בגד.
וואָס וועט בלײַבן, מיינסטו, וואָס? אַ כּשרע נשמה? אָסור!
מער ניט ווי אַ זינדיק שטיקל בשׂר
ודם!
ווייסט שוין וויסן וואָס צו טון מיט אים מסתּם...
טו אָפּ דײַנס דיר, און אַוועק! אַוועק!
ניט, חלילה, — איז דײַן עק!
כאַטש דאָס פרומעניש אין פלוג אי שטיל אי שוואַך איז —
איז דאָס נפש אחת
מיט די הינט, די שׂונאים אונדזערע, די בילער,
און מיט די געפערלעכע צווייפיסער
מיט די פײַערשיסער;

יעדער איינער דורס זײַן אונדז וויל ער!
דאָס בײַ זיי אַ מצווה צי אַ חוב...

ציטערט עס, דאָס וועלפעלע, סע קאַצערובעט זיך צענויף
און סע וויינט מיט טרערן
ווי מיט בעבעלעך:
אוי וויי מאַמעלעך! אוי טאַטעלעך! אוי רעבעלעך!
איך קיין „מע" איך וויל ניט, ניין, איך וויל ניט הערן!
טוט דער רבי אים אַ דריי בײַם אוירל:
נאַריש טכוירל!
נעם, קריץ אוים דיר אויפן שטערן,
וועסט אַמאָל דאָך עלטער ווערן —
טאַ געדענק־זשע, אַלע מע־זאָגער געמיינע,
אָבער אָן זיי — מע? מה אנו? מה חיינו? — — —

# די באַפרייונג

אויפגעכאַפּט זיך דער באַרג־סיני און דער מדבר וויגט זיך.
עפּעס קומט, אַט־אַט: עס פּיקט זיך!
עפּעס וועבט זיך, עפּעס ווערט געבוירן!
וויפל ס׳האָט געדויערט, וועט שוין ניט געדוירן!
נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע, נאָר געדולד!

עי, וואָס וויל דער קוואַל דאָרט? מורמלט, בול־ביל־בולט?
שטילער! שאַ! מע הערט... סע הערט זיך...
— וואָס? לא תרצח? — יאָ, לא תרצח!
— ניין, מע הערט נאָך גאָרניט... שאַ! —
אַך, אַ קנאַל! אהאַ!
נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ קנאַל.
איבער באַרג און איבער טאָל אַ פײַערדיקער קנויל
קײַקלט זיך און וויקלט זיך און ציט אַ שטראַל
פונעם הימל ביזן מויל
פונעם תהום: „אָנוכי!״

בייגן קעפּ די בערג די הויכע
פאַר אַ נײַער תורה.
(אין די בלינדע נעכט, פאַרציטערטע, פאַרפינצטערטע פון מורא,
דורות־לאַנג אויף איר געוואַרט די שאָף
און די טויב זי אויסגעבענקט אין שלאָף
אונטער פליגעלע פאַרוואָרפנדיק דאָס קעפּל).
און עס בליצט און שטראַלט זיך פונעם נעפּל,

דאָס געגאַרטע וואָרט:
אָפּגעווישט רציחה, מאָרד!
איך דער גאָט פון הבל בין איך, ניט פון קין!
און געקומען טרייסטן בין איך, העלפן און באַפרייען
די געדריקטע פון די אונטערדריקער.
ניט דער וואָלף — דאָס שעפעלע ביי מיר אַן עיקר.
איך בין ליבשאַפט און רחמנות,
כאָטש מיט פייער און מיט שטורעם גיי איך.
און דערפאַר, אויף מיין מזבח
ניט דער אָדלער, וואָלף און לעמפּערט זאָלן זיין קרבנות,
נאָר דאָס שעפעלע, דאָס טייבעלע, דער אָקס —
איך באַוויליק נאָר דאָס שטילע־פרומע, ניט די פויסט פון באָקס!..

# דאָס אײַזן

כאַ־כאַ! בפירוש נאָר צום לאַכן!
(זאָגט צום קאָוואַל דאָס שטיק אײַזן)
מיינסט מיט מיר דאָ עפּעס מאַכן?
ברעכן מיך? צי בייגן? פֿלאַ, ווי אַ מענטש קען גרײַזן!
זײַ נאָר, ברודער, ניט גענאַרט!
אײַזן, זאָלסטו וויסן, איז אַן עקשן! איך בין האַרט!
גובר זײַן מיך, פּעטערל, ניט גרינגלעך!
פּע, אַ חכם, שרעקט מיך מיט די רויטע צינגלעך.
אַי, אַי, אַי, צעפּלאַקערט! קנאַקן, גיבן לשון!
עי, ווו ביסטו בלאָזאַק? ריר זיך! ווײַז דײַן כּוח!
טויזנט רוחות פֿון דײַן בויך!
און די פֿלאַקערלעך פֿאַרלאָשן.
ניט קיין שׂריד, ניט קיין רעשט! —
טאַנצט דער בלאָזאַק, זיך צעהוליעט און פֿון שוים
כנופֿיות רוחות שפּײַט ער אויס,
לעשט!
נעמען רוחות בלאָזן, בילן זיי,
לעשן ווילן זיי.
לעשן! ערשט עס צינדן זיך די טויטע!
זע! די צינגלעך אויסגעוואַקסן — צונגען!
און צעפֿלאַמטע און צעבלאָזטע!
און דעם בלאָזאַק גלײַך אין צורה גאָר געשפּרונגען!

— עך! וואָס טראַכט איר, חברה? — ברען איז אונדזער טאַטע! —

ברומט דער בלאָזאַק, רופט צו הילף די נאַסע שמאַטע.

זי געקומען און גענומען שפּריצן.
נאָר עס העלפט ניט, כּלו כּל הקיצין!
מיד דער בלאָזאַק, און דאָס אײַזן ווייך ווי וואַקס.
נו, וואָס שווײַגסטו, ברודער? נעם דעם האַמער! שמיד אַן אַקס!

רשעלע!
דו, פֿאַרשטייִ מײַן משלע:
האַרט איז אײַזן! שטאַרקער דער געדאַנק, דער פֿרײַער!
דו — דער בלאָזאַק, ער — דאָס פֿײַער!

# גאָטס ניסים

צרות, אוי, ווי האָלץ
און ניטאָ מיט וואָס צו הייצן,
זלמן האָט אַ פערדל, איז ער אויף אים שטאָלץ.
נעמט ער נאָר אין האַנט אַרײַן די לייצן,
ניט געזאָגט נאָך וויאָ און שוין פאַרשטייט עס
וואָס מע מיינט און — למנצח על הגיטית עס!
טראָגט עס, שלעפט עס, רײַסט די ערד,
מעג דער וואָגן אָנגעלאָדן זײַן מיט שטיינער!
אַז מע שמוסט אַ פערדעלע מיט ביינער!
ס'איז אַ רוחל, ניט קיין פערד!
באַרג אַרויף בײַ אים ווי באַרג אַראָפּ
און סע שטעלט זיך אויך ניט אָפּ
פאַר אַ טינטערל, אַ זומפּ
אין אַן אָסיענוועג אַ ביטערן, אַ שווערן,
און שוין אָפּגערעדט פון איבערקערן
ווי סע טוט אַמאָל אַ פערד אַ לומפּ!
און צום סוף, נאָך אַלעמען,
מאַכט זיך אָפּט אַז זלמן
קומט פון הונגערלאַנד צו פאָרן,
פירט אַרײַן דאָס פערדעלע אין שטאַלכל
און ער זאָגט: אַ גוטע נאַכט! און זאָל אַ מלאכל
ברענגען הײַנט מײַן פערדל האָבער, ווייץ און קאָרן —
דאָס פאַראַן געגנוג בײַם גלח...

שטייט אַמאָל אַזוי דאָס פערדעלע אַ הונגעריקס, פאַרשפּאַרט
און סע וואַרט.
וואַרט? אויף וועמען? אויפן מלאך!
עפּנט זיך פּאַמעלעך שטיל די שטאַל־טיר
קומט אַרײַן אַן אַלטער,
אַ ברייטפּלייציקער אַזאַ, אַ הויכער, אַ געשטאַלטער!
כאַפּט אַרויף זיך אויפן פערדל און פּאַשאָל!
יאָגט זיך, טראָגט זיך איבער באַרג און איבער טאָל...
איך וועל אײַך ניט מאריך זײַן, אַ כּלל
צוגעקומען צו אַ טויער.
דרייט דער טויער שטיל זיך אויפן האָקן,
שפּרינגט פון פערד אַראָפּ דער זקן,
רוימט דאָרט עפּעס איינעם אײַן אין אויער,
נעמט ער, יענער, פירט אַרײַן דאָס פערדל אין אַ שטאַל —
אין אַ פערדישער, אַ רחבֿותדיקער זאַל!
איבער פולע זשאָלעבעס דאָרט פערדעלעך
אַי גאָרניט קיין כאַסדאָרגעס,
און מע מאָלט, מע רײַבט אויף אַלע וואָרגעס,
און מע הירזשעט אויף אַ קול אין פריידן,
וואָס זאָל זײַן דאָס?.. שייך? וואָס איז דאָ צו ריידן?
דאָס ניט אַנדערש ווי דער פערד־גן־עדן!
דאָס די שטאַל־של־מעלה!

און אָט שטייט שוין זלמנס פערדל אויך צעווישן אַלע
און סע טראַכט זיך: גאָט געזען מײַן האָרעוואַניע
און דאָס לחמא־עניא,
וואָס געגעסן בײַ ר׳ זלמנען אין שטאַל איך,
האָט געשיקט ער מיר זײַן מלאך
און געבראַכט אַהער, איך זאָל געפינען רו דאָ
און געניסן גלײַך מיט אַלע פון דער סעודה.

נאָט פאַרגעסט ניט זײַנע פערדעלעך די מידע.
אָט אַזוי טראַכט ס'פערדל אומפאַרדראָסיק! —

דער דערלייזער און דער מלאך ווער? ציגײַנער יאָזשעק!
אָבער שאַ — ווי שטייט אין פּסוק:
אל תגידו בגת! —
ניט דערציילט עס אויף דער גאַס.
גיט די הינט ניט קיין געלעגנהייט, ניט בילן זאָלן כּלבים:
ווײַזן זיך צו פערד מלאכים — ערשט זיי זענען פערד־גנבים!

# דער הינטישער בונט

ראַבטשיק ערגעצוווּ אין יאַטקע זיך אַרײַנגעכאַפּט
און אַ גרויס שטיק שפּאָנדרע דאָרט דערטאַפּט.
באַ דער טיר שוין ער געווען,
פּלוצים גאָר דער קצב אים דערזען,
און ער לערנט מיטן גראָבן טײַטל אים, אַז שפּאָנדרע
ניט פאַר כּלבים נאָר פאַר אַנד׳רע!

ווערט ער, ראַבטשיק, מלא-כּעס,
האַווקעט, ס׳גייט מיט אים די גאַס:
— נו, וואָס זאָגט מען אויף דעם בײַכל?
שפּאָנדרע ניט פאַר הינט קיין מאכל!
זאָג!
ווער האָט דיר געגעבן אויף דעם קאַלב די שליטה,
זאָלסט עס פירן צו דער שחיטה
און פאַרקויפן זײַנע שטיקער אויף דער וואָג?!
ווער? נו, רעד! די קו — דאָס קאַלב געבוירן,
און די ערד
דאָס געהאָדעוועט, גענערט;
איך מיט אָפענע אויגן, און געשיצטע אוירן
איבער אים אין פינצטערניש געוואַכט
און פאַריאָגט אין וויסטע וועלדער די סכּנות פון דער נאַכט.
נו, און דו וואָס? ווי דײַן שטייגער,
אויסגעשטרעקט אויף ווייכן בעט-געלעגער,
זיך געשלאָפן ווי אַ פּגר —

און צעטראָגן זאָלן וועלף די שטאָל!
איצטער איך, די סלינע וועל איך שלינגען
און אַרום דײַן קלאָץ אַ הונגעריקער שפּרינגען?!
ווי איך בין אַ הונט, עס פּלאַצט אין מיר די גאַל! —

חברה האָט דערהערט אַזוינע ווערטער,
באַלד געריררט זיך פֿון די ערטער.
אַ געלויף! געשלײַדערט ווי פֿון כּף־הקלע
און מע פֿילדערט און מע האַווקעט: — הײַדאַ, כּלבים!
שאַרפֿט די שטעכערס! אוים קצבים!
פֿרײַ דער קלאָץ פֿאַר אַלע!
הײַדאַ! ווער ס'איז הונגעריק, קומט־מיט עסן! —

פּלוצים אָבער גאָר אַ נס געשען:
חברה צעווישן זיך אַ פֿרעמדן הונט דערזען!
איז פֿאַרגעסן
באַלד דער עיקר!
ווער מיר קצב? אוים נקמה!
אויפֿן פֿרעמדן אַ מלחמה!
מע צערײַסט אים שיעור אויף שטיקער.
דער שלימזל רײַסט זיך, וואַרפֿט זיך, גיט זיך עצות
און ויברח! פּוס אויף פּלייצעס!
נאָר די גאַנצע כּנופֿיה נאָך אים נאָך, אַ בייז געיעג!
און דער סוף? ניט פֿרעג!
אָ, דער פֿרעמדער שוין געהאַט אַ רעכטן פּסק!
און דער קצב? ס'גייט זײַן פּדיון גאַנץ געשמאַק!

## חרמון

וועגן שור־הבר געהערט?
גאָט־ברוך־הוא צון אים גענענען מיט דער שווערד,
שעכטן און אַ סעודה מאַכן פאַר צדיקים!
דאָס וועט זײַן אַמאָל, ווען קומען וועט משיח
(גאָטעניו! אײַגיכן צון אונדז שיק אים!
שיק אים שוין, דײַן אמתן שליח!)
נאָר ביז דעמלט, ביז דער שופר של משיח וועט בלאָזן,
עסט דערווײַל דער שור־הבר פון טויזנט בערג די גראָזן,
און איז אַלץ נאָך הונגעריק און מאָגערלעך!
איינמאָל שיקט דער שור־הבר די לויפערלעך, די יאָגערלעך:
אַרבה, ילק, חסיל, גזם,
פון די בערג צונויפמאַנען דאָס גראָז אים.
האָט דעם אַרבה צום באַרג חרמון אָנגעטראָגן.
ווער און וואָס איז חרמון, דאַרף איך אײַך ניט זאָגן.
חרמון (רופט אים שריון, שניר צי שיאון)
ער איז דער וואָס בענטשט די בערגעלעך פון ציון:
„גאָט זאָל געבן שפע, ברכה און הצלחה!”
ער איז פון דער הויכער קייט, געהויבענער משפחה.
נו, געפעלט אײַך? מס זאָל צאָלן ער דעם שור־הבר?!

גאַנץ כּאוֹר,
אויפן קאָפּ די יאַרמלקע די ווײַסע, די שנייקלאָרע,
אײַנגעהילט אין בלויען טלית מיט דער זילבערנער עטרה,
חרמון גראָד צו תפילת־שחרית שוין געמאַכט הכנות

און פארטאָן זיך, ווי זײַן שטייגער, אין כוונות
הויכע, שפּיצעכיקע, האַרבע...
פון דער העלער הויט — אָן ארבה!
„אַי נו?" פרעגט דער חרמון מיט אַ כּעס.
„איר זענט חרמון? זאָל אײַער שלום ווי די גראָזן זיך פאַרמערן!
האָט ניט קיין פאַריבל וואָס מיר שטערן!
תיכּף גייען מיר זיך, נאָר
גראָז געקומען מאַנען, מס.
אונדז געשיקט דער שור־הבר".

„אַי, אַ! חרמון? מאַכט דער באַרג בתמימות. וואָס ער?
אַי! אַי! אָסור!
ניט איך וויים אַזוינס!
איך בין שריון בין איך. פרעג בײַ די צידונים!"

ווילד די מס־שלוחימלעך און חוצפּהדיק און שטאַרק,
אָבער קעגן וועמען? אפשר קעגן הויכן באַרג?!
גייט אַוועק דער ארבה און געקומען ילק
אין אַ יאָר אַרום פון שריון מאַנען חלק.
איז אים אויכעט חרמון משלח:
„איר האָט, זאָגט ער, קינדערלעך, אַ טעות, זע איך.
וואָס? צו וועמען אײַך געשיקט? צו שריון? נו, איז ניט צו מיר!
איך היים שׂניר גאָר היים איך, שׂניר!
וואָס איר גלויבט ניט? פרעגט, זײַט מוחל, די אמורים!
נאַ דיר נו, גאָר שריון! ווער געזאָגט? חמורים!"

גייט זיך ילק שוין און גזם קומט צו שׂניר צו פליען —
איז אוים שׂניר, ניטאָ! ער הייסט שוין שׂיאון!
דאָס בפירוש דאָך אַ פּסוק אין דער תּורה,
גיט, זײַט מוחל, אַכטונג, ווערט געוווירע! —

און אז סוף כּל סוף געזען, סע גייט ניט: יתרום נעמען!
איז די בושה אָן אַ זײַט! פאַר וועמען
זיך דאָ שעמען?
ער צעווײנט זיך, חרמון, גיסט ווי טויען טרערן:
„סטײַטש, באַרג־חרמון זאָל מען ווי אַ שעפּסל שערן?
נאָך געהערט אַזוינס? כּלי־קודש זאָלן צאָלן?
אַדרבה, זאָל מען פרעגן! זאָלן זאָגן בערג און טאָלן!"
און וואָס מיינט איר, מס געצאָלט דער חרמון?
חס ושלום! זאָל אים גאָט באַשערמען!
נאָר וואָס דען? די בידנע בערגעלעך פון ציון,
מס געצאָלט זיי אי פאַר חרמון, אי פאַר שריון,
אי פאַר שניר און שיאון!
מ'האָט די הויט פון זיי געריסן!
ווײַל דער שור־הבר איז הונגעריק און וויל פון גאָרניט וויסן!

# דער נצחון פונעם אמת

שקר האָט קיין פּיס ניט, טראָגן לײַט אים אויף די הענט,
און דער אמת, מיינט איר, האָט געזונטע קנאָכן?
לאַנג פאַרצײַטנס ער אויף הויכע בערג געקראָכן
און צעבראָכן
רוק און לענד —
איז פון דעמלט הינקט ער, נעבעך, צו צוביסלעך
אויף צוויי קרומע געזונט־פיסלעך.
הינקט ער, הינקט ער, קומט ער צו די פוסטע מילן,
וואָס זיי מאָלן סקריפּ פון טויער, גרילץ פון גרילן.
טרעפט ער דאָרט אַ גענעץ אין גרויסקײַלעכדיקע ברילן.
— אַ גוטן אָוונט! — אַ גוט יאָר!
(ס'איז געווען פאַרנאַכטצו, ווען די זון צעקעמט די רויטע האָר
און זי נעמט פּאָר שלאָפנגיין פון רויזנזאַפט אַ שפּריץ)
זיץ! (צום אמת זאָגט דער גענעץ) זיץ!
זעצט דער אמת נעבן גענעץ זיך אַנידער אויף דער שוועל
און ער קראַצט און עפּעס זוכט ער אין זײַן גראָבער פעל...
— אַ—אַ—אַ! צעגעניצט זיך דער גענעץ.
איך בין מיד... איך האָב געשוואָרצט די גרעניץ...
כ'האָב געשליאָנדערט וואָכן צוועלף,
זײַן האָב איך געמוזט אויף דער אסיפה פון די וועלף.
ווייסט אוודאי: זיך די וועלף פאַרזאַמלט.
מ'האָט אַרומגערעדט די לאַגע פון די שאָף.
בײַ די אָרעמע יום־כּיפור הײַנט געפאַלט אום תשעה־באב...
און איך זאָג דיר: דאָסמאָל קיינער ניט געשטאַמלט,

מ'האָט געהערט דיבורים קלאָרע.
אַלע זיך אַרויסגעזאָגט ווי איינער: ס'איז אַ צרה
און אַ שוואַרצע, ווי אַ שוואַרצע קאַץ ביי נאַכט!
ווער ס'האָט נעגל — שטעכט —
ווער אַ חלף — שעכט.
און אַ טריקעניש... די שעפּעלעך פאַרשמאַכט...
וואָלטן זיי אַוועק אין וואַלד
ווייטער פונעם דאָרף און פונעם שטעטל,
וואָלטן זיי געציפּעט פונעם בוים אַ בלעטל,
פאַר דער איינגעשרומפּענער נשמה כאָטש אַ שטיקעלע דערהאַלט.
איז פאַראַן אַ פאַסטוך דאָך און כּלבים אויף דער וועלט! אַ—אַ—אַ!
— וואָס־זשע די אסיפה דאָרט באַשלאָסן? האַ!
— ס'ערשטע: אָפּצוהאַקן אַלע נעגל
בײַ די פייגל!
און אפילו אויך בײַם אָדלער, אַז מע־וועט באַדאַרפן...
און דערצו, פאַרשטייט זיך, מוזן אַלע וועלף די נעגל שאַרפן.
שאַרפן אין די שאַרפסטע שטיינער
און אין טויטע ביינער —
ווי די זון זיי זאָלן גלאַנצן!
אַז זיי זאָלן ברענען ווי די שטראַלן, שניידן פון דערווייטן!

— אָך, וואָס רעדסטו? נייע צייטן!
גיט מיר פורפור, גיט מיר לאָרבערקראַנצן!
האָב איך דאָס דערלעבט שוין, וועל איך אויספירן אינגאַנצן!
שרייט דער „אמת", און אַ לאָז זיך אויף די גענדזן־פיסלעך טאַנצן!

## די גוזמא

הערט אַ מעשׂה־נורא: איבער גריבער,
איבער שטיבער
שפּרינגט אַ גיבור.
זעכציק רײַטערס, הויכע ריזן
נאָך אים יאָגן, וואַרפֿן שפּיזן —
נאָר די שפּיזן אָפּ פֿון אים און ווײַטער!
שרײַט אַ רײַטער,
ברילט איין ריז צום צווייטן:
— טייטן!
אָדער שמידן אים אין קייטן! —
לאַכט דער גיבור!
איבער אַלע ריזן ער אַריבער
ווי אַ בליץ
און געשטעלט זיך אויפֿן שפּיץ
פֿון אַ זאַנג פֿון הויכן קאָרן,
און פֿון דאָרטן אויפֿן האָרן
פֿון אַ ציג, — דערויף געזאָגט ר׳ יוסי בר־קופּיק:
אויב דער גיבור שטאַרק — ווי שטאַרק די זאַנג
און דער האָרן פֿון דער ציג!
אָבער איך געזען דעם גיבור דאָ ניט לאַנג,
ער איז דאָך פֿון די זומזומים און זײַן נאָמען: פֿליג!

פֿון דעם משלע וואָס זע׳מיר?
ס׳נוצט קיין גדלות ווו עס גילט אַ שטות!.. כּמו שנאמר:
ניט מיט שטאָל און אײַזן נעמט מען כעלם,
נאָר מיט שפּינוועבס פֿון אַ מדרש נעלם!

# דער באַרג און דער טייך

אײַנגעהילט אין נעפּלען פון חלומות
שטייען זיך די הויכע בערג
און זיי קלערן: וואָס איז צײַט? וואָס רום איז?
וואָס איז הימל? וואָס דאָס גאַנצע וועלטגעווערק? —
און צופּיסנס, קרום און גלײַך,
איבער גריבער, איבער שטיינער, מיט געמורמל לויפט אַ טײַך.
רופט זיך אָן צון אים אַ באַרג אַ קפּדן
(דאָס געמורמל שטערט אים! דענק —
אַז דאָ אין קאָפּ דיר קלאַפּט'ן!)
— שטיי נאַר! שטיי נאַר! הער נאַר, דו!
אײַלט זיך! גלײַך מע וואַרט אויף אים דאָרט ערגעצוווּ!
אַלע שאלות שוין פאַרענטפערט! וואָס? וווּהין? פון וואַנען?
וואָס איז וועלט? צי וועלט בכלל פאַראַנען?
שטיי! וואָס לויפסטו? ס'יאָגן דיך קיין רײַטער!
— ערגער! איך, פון זיך אַנטלויף איך!
זאָגט דער טײַך און לויפט זיך ווײַטער.

# די קו אויף די קאַרפּאַטן

אין דער בוקאָווינע
בערג פאַראַנען הויכע, גרינע,
בערג ווי כּוחות פרישע, רויע,
וואָס ניט אויסגענוצט זיי גאָט בעתן שאַפן.
און פאַרוואָס? זאָל זײַן אויף וואָס צו גאַפן.
אָדער ניין! איך בין זיך טועה:
ווען די ערד געווען נאָך יונג — געהויבן זי געדאַנקען
הויכע, שטאָלצע, ווי די יוגנט נאָר זיך קאָן פאַרגינען.
שפּעטער, ווי געוויינטלעך, די געדאַנקען זיך צערונען;
נאָר אַ זכר דאָך געבליבן, גאָט צו דאַנקען!
אָט דאָס זענען די קאַרפּאַטן.
אָך, פון זיי צו קוקן אויף גאָטס וועלט אַרום!
דו פאַרגעסט אין רעש, אין טומל, משׂא־מתּן,
און דו שטייסט און שווײַגסט, ביזט שטום.

---

איינמאָל קומט אַהיים פון טשערעדע די קו
און זי זאָגט צום כּלב: — הער נאָר, דו!
טרעף ווו איך בין הײַנט געוועזן! אַזש אויף די קאַרפּאַטן!
— וואָס? אַ ליגן! כ'האָב געקענט דײַן טאַטן!
אויך געווען אַ ליגנער! (זאָגט דער הונט).
— אַ מהומה
אויף דײַן מאַמען, און אויף דיר, און אויף דײַן מומע!
אַז איך זאָג געוועזן, איז געוועזן! זאָל איך זײַן אַזוי געזונט!
שווער אַרויפגעקלעטערט, אָטעם אַזש פאַרפעלט,
צווייִמאָל זיך ספּאָטיקעט, שיעור די ביינער ניט געציילט.
— טאַקע?! וואָס האָסט דו געטון דאָרט, וואָס?
— גאָרניט, זאָגט די בהמה, כ'האָב געקײַעט גראָז!

# דאָס קעמל און דאָס אייזל

יעדער חוקר
האָט זײַן הויקער.
ויהי ערב, ויהי בוקר —
כאַפּט זיך אויף דאָס קעמל פונעם שלאָף
און עס זאָגט צום אייזל: הערסטו, קוני־לעמל,
איך בין ניט קיין קעמל;
איך, פאַרשטייסטו מיך, בין גאָר אַ פילאָזאָף.
און פאַרוואָס־זשע ניט? אַ הויקער ווילט איר? דאַנקען גאָט —
יאָ ער האָט!
ניט פאַרמאָגט אַזוינעם דער דעסויער, ניט עזאָפּ!
און אין הימל, פליט דער קאָפּ.
און די פּיס אַ רוחניות! באַטראַכט זיי: דינע, הויכע, דאַרע! —
דאָס די פילאָסאָפיִע אַליין דאָך: אַ צעשטרײַטע כמאַרע,
דרייט זיך עס אַרום דאָ ווי אָן זיך,
און פאַרנאַכט ביים זונפאַרגאַנג דערזעט איר עס אין הימל,
ערגעץ שוועבט עס דאָרט פאַרחושט ווי אין אַ דרימל,
זוכט זײַן „איך".
קומט צוגיין אַ ווײס איך וואָס —
די לבנה אויף שפּיץ נאָז,
טוט אַ זאָג אים: אין אומענדלעכקייט צערין,
דאָרט דײַן „איך" געפין!
טוט עס אים אַהין אַ צי,
נעכטיקט דאָרט ער ביז גאַנץ פרי.
וועקט אים אויף דער ערשטער שטראַל —

ערשט עס ליגט שוין ווידער דאָ אין שטאָל.
אויף דער שטאָלוואַנט ווערט דער שטראַל אַ פּלעמל,
און צום אייזל רעדט דאָס קעמל:
וואָס?.. פרעגט דאָס אייזל איבער
כ'זאָג דאָך דיר: אַ פילאָזאָף בין איך, מיין ליבער!
— פילאָזאָף? אהאַ! געהערט... דאָס איז מיר דאַכט,
אַ בהמה וואָס זי טראַכט.
בע... אַן עסק... סוף כל סוף
בין איך אויכעט אַ בהמה... אויך אַ פילאָזאָף!

# פאַלשע קלאַנגען

ע — מע — אמת... מעקעט דאָך אַ ציג נאָר,
אָבער קיינער טאָר ניט זײַן קיין ליגנער,
און בפרט אַ צײַטן־זאָגער,
שעה׳ן־שלאָגער!
ניין! ער איז זיך אויף דער וואַנט געהאַנגען,
און פאַרשפּרייט פון דאָרטן פאַלשע קלאַנגען.
ניט געשטויגן! שמאַנצעם!
נאָר געוווּסט שוין יעדער: שקר, כּזב,
וואָס צעקלאַפּט דער אַלטיטשקער „פראַנץ יאָזעף״
(גאָר פראַנץ־יאָזעף? יאָ! צוליב די ווײַזערס, די צוויי וואָנצעס).
איינמאָל שפּעט אין לאַנגער ווינטער־נאַכט
מירעלע די מאַמע פונעם שלאָף אַרויסגעבראַכט:
אויסגעשלאָפן, וויל זי פּלאַפּלען מיט דער מאַמעשי,
פּלוצים — פון „פראַנץ־יאָזעף״ קלאַנגען טעלעגראַמישע.

— שטילער, קינד! וואָס קלאַפּט דער אַלטער? לאָמיך הערן!
(זאָגט די מאַמעשי) איך בעט ניט שטערן! —
קלאַפּט ער, אָפּגעקלאַפּט, אַנטשוויגן.
זאָגט די קליינע: — ס׳איז דאָך גאָר אַ ליגן!
— ניין, פאַרשטייסט ניט, קינד! איך קען דעם ליגנער גוט,
מיט דער שעה, מיט דער מינוט,
מיט זײַן גאַנג, זײַן פאַלשן, וואָס ער גייט —
זאָל ער קלינגען זיך געזונטערהייט!
ס׳אַרט מיך ניט! פאַרקערט: אַ דאַנק די פאַלשע קלאַנגען
איך דעם אמת בין דערגאַנגען!

# דאָס לעבן

שאַ, דאָס מעסער בראָקט שוין
תּורת לאָקשן!
שנײַדט ווי אַ בר־סמכא, ווי דער לעצטער פּוסק,
זאָגט, דאָס לעבן וואָס? מאַכט ניט חוזק!
ס׳איז אַ בלעטל לאָקשן, איך אין אים בין עוסק.
בראָק נאָך בראָק... בראָק נאָך בראָק...
כיק — כיק — כיק... כיק — כיק — כיק...
ביז איך זאָג:
כיק! אַ גוטן טאָג!
און איך שיק
אין דער יויך
און פון דאָרטן גלײַך אין בויך —
לאַכט דער בויך מיט טויזנט ווײַנשל־אויגן
קעגן זון און רעגנבויגן.

פרעגט זיס־לעבן: בויך, וואָס לאַכסטו?
זאָגט דער בויך: און דו, וואָס טראַכסטו?

— גאָרניט... גלאַט אַזוי... איך קוק מיר אין מײַן שפּיגל־נאָגל,
זע איך טאַנצן בליץ מיט האָגל,
שטערן פירן קאַראַהאָדן און ס׳איז... אָגיל
ואשמח.
קוק איך, קוק איך און פאַרגעס מיך!..

— גאָר! און איך געמיינט דו טראַכסט פון מיר...
פון מײַנע גרינע לאָקן...

מיר צוליב געטובלט זיך אין זאַפטן פון באַגין...
ערשט... צום סוף... נו, פּרוּוו אַ שׂכל דאָ געפינ!
קראַקעט קראָען, קלינגט-זשע גלאָקן! —
נאַריש איז דאָס לעבן אָן אַ ציל און אָן אַ זין!

# ווּ איז יושר?

אין אַ בייזער רגע
(אין אַ גליקלעכער, זאָגט שׂרה־פֿייגע)
האָט דאָס שטײַגעלע דאָס טירעלע פֿאַרקלאַפּט
און אַ מײַזעלע געכאַפּט.
קומט צו גיין די קאַץ,
מיט די נעגעלעך אַ קראַץ,
און זי מיאַוקעט און זי שעלט:
„מיאַו! מיו! אַ שיינע וועלט!
ווּ איז יושר?
זיצט אַ מײַזל
אין אַ הײַזל,
מזלדיק, אַן עושר,
אין אַ פּריציש דירהלע,
און די קאַץ די אָרעמע
בײַם טירעלע!

# אויפן צימבל

אַז דער קלעזמער ניט צו הויז,
אויפן צימבל שפּרינגט די מויז.
אַז די מויז שפּרינגט אויפן צימבל,
אויפן צימבל נעמט דער צימבל זי:
בימבל — צימבל, צימבל — בימבל,
בימבל — בימבל — בי,
טאַנץ, דו פּראָשל,
עכבראָשל!
דו דער נמשל — איך דער משל!
דיך געמיינט איך,
ווען געוויינט איך
פאַרן באַס
און דערציילט אים פון אַ בת־
מלכה
צים—בים—באַלקע,
וואָס באַזעצט זיך אין אַ פּאַס
לעבן יאַס.
— ניט באַ יאַס און ניט אין פּאַס, נאָר אין אַ פּאַלאַץ,
הינטער גאַלאַץ.
הייבנדיק איר עקעלע פאַרריכט די מויז.
— אַך, אַנטשולדיק! ס׳יאָר איז גרויס,
קאָפּ איז קליין! פאַרגעסן...
טאַנץ, פּרינצעסן!
טו אַ דריי דײַן לאַנגן שלעפּ

און וווּליוּנגיש מיט דײַן פּיסל —
אויף מײַן האַרץ צענטוויזנט קלעפּ!

טוט דאָס מײַזעלע אַ ניסל
און עס
נעמט זיך טאַנצן אויף די סטרונעס.

טאַנצט אויף סטרונעס דען אַ מויז?
האַלט זי! האַלט זי!
טאַנצט זי! — פּאַלט זי
מיט צוויי פּיסעלעך אַרײַן,
מיט איין פּיסעלע אַרויס.
— שיכּורטע, געטרונקען ווײַן?
צי געטובלט זיך אין ביר?
(נעמט דער צימבל זי אויף זיכער) גאָט מיט דיר!
ציטערסט? פּלאַטערסט? אויגנבליק
איז געגאַנגען זוכן גליק
און געפונען — זיך דערשראָקן פאַר זײַן גליק ער...
נו, וואָס רעד איך?.. עיקר:
הײַנט פון גליק מיר ביידע שיכּור.
טאַנץ-זשע! טאַנץ-זשע! גיך, גיך, גיך!
אין דער מאַמעס גרינגע שיך!
נאַקעט פּיסל
גייט אַ פרייִלעכס אויף שפּיץ-שפּיסל
און סע טוט זיך ניט קײַן שטאָך.

— וואָס? געפאַלן? ווידער? נאָך? —
ניט קײַן בראָך!
שטייט אין פּסוק: שבע יפּול!
אַי, צעבלוטיקט זיך אַ ליפּל?

אָן סכּנות, ווי ס׳דערציילט זיך:
ביז דער חתונה פֿאַרהיילט זיך...
און די מויז, זי גייט דעם טאַנץ
כאָטש אָן אבער שווין אין איר ניט גאַנץ
און דאָס חיות גייט איר אויס
נאָך אַ רגע רו, איין רגע בלויז,
נאָר דאָס זאָגט ניט קיינעם אויס!

# יושר

ערגעץ בײַ אַן אַלטן טאַטן, ניט קײן עושר,
איז אַמאָל געװען אַ כּלה־מײדל מיט נאָמען — יושר!
יושר! — יושר! — שײן! — מיט זיבן שינען!
האָבן זיך געדרײט חתנים אַרום איר װי בינען
אַרום האָניק
און געשיט חניפהלעך פון גילדענעם פּאָלאָניק:
דער געשיקט אַ לופט־קוש, דער געשיקט אַ בלימל,
דער איר צוגעזאָגט דאָס טעלערל פון הימל.
נאָר װאָס דען? אַז ס׳טרעפט אַ שידוך זיך, בשעת הכּושר
קוקט מען גאָר אַװעק פון יושר...
און פאַרװאָס? אײן העמד, אײן קלײד
און מען מוז זי נעמען װי זי שטײט און גײט
און דערפאַר איז — יושר װיל מען... — װיל מען —
יענער זאָל עס האָבן!
הײַנט אַ חתן װי אַזױ, פון װאַנען איר אַרױסגעגראָבן?
נאָר ניטאָ בײַ גאָט דאָך קײן פאַרגעסענע,
ניט פאַראַן, חלילה, קײן פאַרזעסענע —
און פאַרקײַקלט זיך דאָס בעסטע עפּעלע, בלײַבט ליגן?
ניט פאַרפאַלן!..
קומען װעט אױף אים דער בעלן.
קומט דער רוח, טוט אַ זאָג זיך קורץ און שאַרף:
„הנה, יושרל, זײַ װיסן, איך באַדאַרף
האָבן אַ באַלבאָסטע, און איך מעלד דיר
דו ביזט מײַן... צי איך געפעל דיר

אָדער נײן,
ניט מײַן זאַך... דאָס װײס בײ דיר אַלײן".
און אַזוי דער רוח אונדזער יושר זיך פאַרקנסט
און אויף איר אַרויפגעלײגט פון זײַן באַלבאַטישקײַט די לאַסט.

װערט פאַרשװאַרצט זי. קײן העלפט פון איר שוין ניט געבליבן.
קומט דער רוח — זעט אין אַלע װינקעלעך ריין צוגעקליבן,
שמאָכעט ער און דרײט אַ װאָנצע — מעשׂה גביר,
ליכטיק־ציכטיק, זאָגט ער, אומעטום אין יום־טוב־ציר,
איצט ניטאָ װוּהין אַ שפּײַ צו טאָן, זוגתי־יושר, נאָר אויף דיר!

## געריכט

מיט אַ שעפּסל אויפֿן אַקסל, אין דער האַנט דעם שטעקן,
זיך אין וואַלד געלאָזט דער קצב. ניט דאַרט לופֿט צו שמעקן!
שטותים! וואָס? אַ פּועל בטל? גייט אום ליידיק?
אַ געשעפֿט געהאַט ער דאָרט צום בית־דין־צדק —
צוגעשטעלט אַ בענקעלע דעם הונט:
על־פּי תורה קומט דעם כּלב די נבלה
פֿאַר לא־יחרץ דאָרט... נו מילא!
זײַנס איז זײַנס. פֿאַרגינט אים. צו געזונט!
וואָס־זשע שלעפּט ער, אָבער, דער נבוכדנצר,
כּשרס פֿון די קלעצער?
גאָרניט אויסצוהאַלטן! אַ געשמדטער האָלדז!
הײַנט בײַ מיר אַ זאַדיק־פֿליישל (כאָטש איך טרייבער) —
נעכטן בײַ חם־לייזער ער אַ לונג און לעבער!
און אַנומלטן אַ גאַנץ שטיק שמאַלץ!
וואָס? איר גלייבט ניט? ווי גיט גאָט געזונט אַזוי מיר!
ווער מ׳שטיינס געזאָגט ס׳איז אונדזער שומר!
האַוו־האַוו־האַוו! אַ בייזער אָדון!
און כאַפּט שפּאָנדרע פֿון די לאָדן!
און אַ רעכטער היטער! היט דעם קלאָץ! אַנו פֿאַריאָרן,
ווען מ׳האָט אויסגערוימט די קראָם בײַם שכן יעקב־אַהרן —
ווו געוועזן דער בחור? ניט געהאַווקעט, ניט געוועקט!
אין אַ ווינקל זיך פֿאַרקליבן און געשלאָפֿן!
צי אַ ביינדל, וואָס דער גנב אים געוואָרפֿן, גאָר געלעקט!

גוט אזוי? באַשטראָפן דאַרף מען אים, באַשטראָפן!
כּדבעי, זאָל ער וויסן! —
(קען! ער קען, ר׳ ניסן!
דאַרף קיין צונג ביַי קיינעם זיך ניט לייַען!)
אויסגעהערט אים, הייבט זיך אויף ר׳ פּיקסל (ער אין וואַלד דער דיין,
באַ דער רעכטער האַנט ר׳ וואָלף, דער מליץ־יושר,
קנייטשט דעם שטערן,
און אין פּעלצן צוויי בכּבודיקע בערן זיצן נאָר און הערן)
און ער זאָגט, דער שופט:
— עוולה הייבט מיט שׂמחה אָנעט און מיט טרערן הערט זי אויפעט!
וויי צום רשע, וויי! אים וויניק
סקילה, שׂריפה, הרג, חנק!
שטרענג דער משפּט ווי דער אויגנבליק פון קעניג!
(זאָל געבענטשט זיַין צאָן זיַין און אַ לויב צו זיַינע נעגל!)
און דערוויַיל, ר׳ קצב ליבער,
מעגט איר גיין! דאָס פּסק־געלט לאָזט נאָר איבער! —
(און אַ ווּנק דער שופט מיט איין אייגל)
אָפּגעגעבן זייערס, געבוקט, געגנויגט זיך, ווי געהעריק
און אַהיים ר׳ ניסן. רינגלט מען אַרום אים און מע פרעגט נײַגעריק:
— נו, וואָס הערט זיך? — רעכט!
— קיַי׳ מורא! ריזען וועט דער הונט ביַי מיר די ערד! —
גייט אַוועק אַ חודש, צוויי, און וואָס־זשע ווערט?
שלעכט!
ניט מען זעט און ניט מען הערט!
שוויַיגט ער ניט ר׳ ניסן, און שלאָגט אָן אַהין, אַהער:
אַ הבטחה פונעם פּיפּערנאָטער גרייסל־מהיכי־תּיתל
(ער באַם וואָלף דאָס אויבערשטע פון שטייסל!)
און אַ וואָרט אַ גוטס אויך פונעם בער,
ביז לסוף שוין אַרום פּסח —
ניין, וואָס זאָג איך! וויים איך?..

חודש איִיר, צי דאַכט זיך טאַקע סיון,
ערשט באַקומט אַ תשובה ער אַ קלאָרע:
כּפּי, היות, פאַראַן אַ סברה,
אַז דער הונט געטאָן דאָ ניט, חלילה, מיט אַ כּיוון,
נאָר אַזוי גאָר, גלאַט אומגערן, על־פּי טעות,
קומט דעם הונט אַ „מי שפּרע"!
גייט שוין אַן אַמביציִע: אַ מי שפּרע און ניט מערער?!
ניין! ער וועט זיי ווײַזן, וואָס און ווער ער!
ניט געפוילט זיך און געלייגט הוצאות
און געבראַכט צו פירן עדות, פּעק מיט ראיות,
אַז בײַם הונט לחלוטין דאָס קיין נײַעס:
קערט מען זיך אַוועק נאָר — אויסגעוואַקסן דער מחותּן!
פײַער און פלאַם! — איז וואָס־זשע טוט'ן?
דאַרף מען מאַכן ערשט אַ פרישע
חקירה־דרישה,
הן מכּוח די עדות, הן מכּוח דעם גאַנצן ענין.
(ניט אויף יעדנס ווערטער שטעלט מען דאָך אַ בנין!)
איך וועל אײַך ניט מאריך זײַן, הקיצור, חודש אָב
קוים דערוווּסט זיך: ס'פעלט אַ כּתב נאָך פונעם רב,
צי געוועזן די בהמה כּשר אָן אַ סירכה.
העלפט ניט! קאַרגט ער ניט קיין טירחה
(אַז גענומען זיך דערווײַזן — איז דערווײַז!)
לויפט ער און ער ברענגט צו טראָגן שוואַרץ אויף ווײַס
פונעם רב,
אַז אַלצדינג, מא' ועד ת',
וואָס דערציילט דער קצב,
אמת ויציב!
— כּשר אָן אַ סירכהלע — און כּלבים חלק ווילן!
גיט מען ניט מיט גוטן, בײַסן זיי און בילן! —
גוט שוין? לייגט ר' וועלוועלע די ברילן

אויף די אייגעלעך די גרינע
און דאָס כתב באַטראַכט ער: שאַ! די חתימה ניט כּדינא!
כּידוע, דאַרף דער זיגל
זײַן ניט לענגעכיק, נאָר קײַלעכיק — אַן עיגול!
חוץ לזה, געחתמעט דאַרף אויך זײַן דער שוחט!
נו, פֿאַרריכט און צוגעשטעלט דאָס אויבעט.
מיינט איר פֿאַרטיק? ניין!
ווערט אַ שאלה וועגן קצב גאָר אַליין:
וואָס און ווער ער? און עס גייט אַ גבית־עדות
וועגן אים און זײַנע זיידעס —
פעסטגעשטעלט מוז ווערן זייער התנהגות!
און אַזוי וואָס מער אַלץ מערער ספקות, פֿראַגעס,
און אַלץ נײַע כּתבים, חתימות,
און דאָס קצבל בתּמימות —
אַלץ געעבֿריהט זיך, די פּים זיך אָפּגעשלאָגן.
און אַ בושה! און בײַם האַרץ פֿאַרקלעמט!
נעבעך! שיעור געבליבן אַן אַ העמד:
דאָרטן — וואָס אַ טריט, באַצאָל! (מע דאַרף דאָך אײַך ניט זאָגן!)
ביז לסוף — אַן עק!
אויסגעשפּיגן ער אַ קלעק,
און געשוווירן בײַ די תּפֿילין:
זאָלן כּלבים פֿרעסן וואָס זיי ווילן,
טריפֿהס, כּשרס — הפֿקר! ער וועט שוין פֿאַרזאָגן,
ניט צו גיין אין וואַלד אַרײַן זיך קלאָגן!

# דער בעל־יושר

אויפן פרײַען פעלד אַ כּלב ריזעט אַ נבלה:
ניט קיין גנבה, ניט קיין גזלה —
זײַנס! בפירוש! זאָלט איר טאַקע וויסן!
נאָר אַז גאָט באַשערט אַ פעטן ביסן,
שיקט ער צו אַן אורח און אַ צווייטן און אַ דריטן —
מיטאַמאָל די געסט זיך אָנגעהויבן שיטן!
און זיי וואַרטן ניט אויף כּיבוד גאָר די געסט:
„קומט מיטעסן!" ווי דער שטייגער. ניין!
הענדום־פּענדום, מען איז דאָ, מע עסט!
נו, מיט וועמען שטעלן זיך? זאָל זײַנס שוין איבערגיין!
קיין בייז אויג געגונג! ניט בלײַבן קיינער הונגעריק, חלילה! —
קלויבט אַזוי אַ רעדל זיך אַרום, און שאַ! פּאַרטון אין דער אכילה.

ערשט ויבוא! אויסגעוואַקסן ר' טערקאַטע
און ער שטופּט זיך: לאָזט מיך! כאַטשע
איר געקומען פֿאַר מיר — מײַן נשמה ניט פון קלאַטשע!
וואָס? וואָס מיינט איר זיך? אַ קאַץ בין איך? אַ קאַטאַ!
איך בין אויך אַ הונט! יאָ, יאָ, בכּבודיקע עדה!
איך האָב אויך אַ חלק דאָ, מײַן זיידע
אויכעט ניט געבילט אויף יידן אין מצרים.
איר געגונג געפרעסן! מיר כאַטש די שירײַם!
לאָזט אַביסל מיך דעם הונגער שטילן!
נעמט מען אים שוין אויך אין רומל — זאָל אַ הונט ניט בילן!
זאָלן שוין די שונאים האַווקען! פּרעס לעת־עתּה! —

אינדעם יאָגט אָן ראַבטשיק. נו, צעפּײַערט זיך טערקאַטע:
— מאַרש, טראָג אָפּ זיך! אפשר ווייסט איר, וואָס די שנאָרערס
ווילן?!

אויסגעוואַקסן! צו די יאַטקעס גיי, צום קצבֿ לאָדן!
דאָ ניטאָ שוין גאָרניט! ווער ס׳קומט שפּעט —
דער מאַכט אַליין זיך שאָדן!

ווי מע פּאָדערט עס גערעכטיקייט! מיט אימפּעט און מיט שטורעם!
לאָזט מען צו נאָר צו דער שיסל — אַנדערע דיבורים!

# דער עיקר

מיט כּמה יאָרן נאָך צוריק
האָט ערגעצווו אין וואַלד אַ נים געטון אַ פליג.
נו, מילא, ניסט זי — זאָל איר זײַן צו גליק!
דערהערט דאָס אָבער די מכשפה פונעם וואַלד,
די קוקווויַקע, און זי מאַכט אַ רעש:
— קוקו!.. דצ״ך עד״ש!
— קוקו! געוואַלד!
געהערט אַזוינס? גאָר פליגן ניסן?! עפּעס נײַעס!
קוקו! ס'שמעקט מיט מרידה בײַ די חיות! —
דעם לייב אין אויער די מכשפה גרינג אַרײַנגעלאָזט אַ גריל,
און עס קײַקלט איבער דעמבעם זיך אַ דונערדיקער בריל
ווי הונדערט טויזנט רישן:
— ר — ר — רוצחים! איך וועל וואַרפן
פאַר די כּלבים אײַערע פליישן!
די אָדערן פון אײַך באַם לעבן צי איך!

— אַ בראָך! אַן אויסגאַס אויפן וואַלד! אַ ים־המלח!
ס'קהלן זיך די חיות אין דער פינצטער:
אַ שליח קלויבט מען, אַ שליח!
זאָל זײַן אַ גוטער מליץ ער בײַם מלך!
איז ווער? איז ווער?..
— דער סאָלאָוויי! (זיך הערן קולות) ער
אַ זאָגער — איינער אין דער וועלט! און אַ בעל־בכי!
עך!.. הי!..

אַז ער צעקנאַקט זיך, ער צעגיסט זיך אין אַ מילדקייט,
בײַנאַכט אין ווילדער וועלדער־שטילקייט! —
און אַנדערע:
— די סאַלאַמאַנדרע, שרייען זיי, די סאַלאַמאַנדרע!
אַ ברען! אַ פּיסקעלע — אַ פייער! אויגן ליכטיקע, צעגליטע!
— די סאַלאַמאַנדרע גאָר?! וואָס רעדט איר?

**שרייט אַ דריטע פּיתה.**

אַ היצקאָפּ! קיין גענײטע!
דער פוקס, דער פוקס זאָל גיין! אַ חכם עתיק!
אַ צונג! — אי שאַרף אי גלאַטיק,
ער רעדט — פון צעדערבוים און ביזן מינדסטן גרעזל,
אַ ווערטעלע, אַ משל, צי אַ מימרא פון אַ חכם —
און יעדער שאָקלט נאָך אים!
— און איך מיין... (אַ צעהירזשעט זיך דאָס אייזל).
לדעתי, לויט מײַן קוק,
דער פוקס אַ מליץ־יושר אויך אַ שוואַכער, אויך אַ שוואַכער!
— נו ווער־זשע־דען? — דער אָדון דבר־אחר!
— דער חזיר? וואָס דערזען אין אים? אַן עמוק? אַזוי קלוג?
— אַ בויך! און עיקר — אויערן לאַנגע גאַנץ גענוג!

# באָם לייב אויף דער סעודה

וואָס? אַ משל ווילט איר? מהיכא-תיתי! אָט דערצייל איך:
ס'איז אַמאָל דער לייב געוואָרן פריילעך
און געמאַכט אַ גרויסע סעודה — ווער עס איז געווען
אויף דער סעודה פונעם מלך אַחשוורוש
דער האָט אַזאַ מין סעודה אויך געזען —
ס'האָט דער לייב געזאָגט בפירוש:
„וואָס איעדער וויל — כּיד המלך!"
און אַ רחבות און אַ שיינקייט — הימעל עפן זיך!
ס'איז דען צו באַמאָלן אַזוי גיך?
בעטלעך
פון הדסים און פון בשׂמים-בלעטלעך,
אויף די בעטעלעך די געסט
און מע שמועסט זיך און מע עסט;
וואָס מע וויל נאָר — ברענגען הירשעלעך צו טראָגן
ווי מען עפנט נאָר דאָס מויל צו זאָגן,
און קונדסים אַפּלעך טאַנצן,
אין די הענטלעך רויטע פּאָמעראַנצן,
און דעם עולם איז מען משׂמח.

נאָר דער חזיר זיצט זיך אין אַ זײַט דאָרט אײַנגענורעט,
כּאַרקעט, וואָרטשעט, ס'איז זײַן פּנימל פאַרכמורעט.
— פּאַני מאָרדו! עפּעס זענט איר ברוגז, זע איך, —
זאָגט ר' פוקס, — עס איז ניט אָנגענעמען אײַך דער ריח
פון די בשׂמים-בעטעלעך, פאַרשטיי איך.

— חם ושלום!

— וואָס־זשע דען? עס שמעקן אײַך ניט די מאַכלים?

צי גאָר אפשר קאָרג איז?

— עט!

כ׳וועל אײַך זאָגן, פּאַני פוקס, צעווישן אונדז גערעדט,

עס געפעלט מיר ניט דער עולם... צופיל דאָ „כאַסדאָרגעס!"

„יאָ, געררעכט, איז מסכים פיקסעלע, אוודאי גלייַכער

איז אַ סעודה — אָן אַ דבר־אחר!"

# דער קרבן

אײַנגעבילדעט זיך דער לײב: ער זינגט ניט ערגער
פֿונעם סאָלאָװײ, און אפֿשר בעסער;
זײַנע טרעלן קײַקלען זיך װי פּעסער
איבער טאָלן, איבער בערגער!
אָך! אַז ער באַנאַכט חצות
אויף זײַן געמבע אַ צעלאָז!
און פֿאַרגײט זיך אין אַ בײַקול, שטילערלעך,
קרײַזלענדיק די טרילערלעך —
װאָס דאַרט טוט זיך!.. מקורבים
קלאַפּן מיט די זנבים,
מאָלפּעס פּליעסקען מיט די לאַפּעס,
שרײַען: תשר״ק! צפֿע״ם!
(בראַװאָ, הײסט עס, בראַװאָ!)
בלומען טראָגט אים צו די פּאַװע,
און אַ קראָען־כמאַרע טראָגט זיך אויבן מיט געפּילדער: קראַ!
(ס'הײסט, אַ שטײגער, װי בײַ אונדז: הוראַ!)

... אינדעם — האָסטו דיר ניט, נאַ דיר! אַ מעריקע!
פּלוצים, װי אין העלן טאָג אַ ליקוי.
דאָס דער בוהײַ „שור שנגח״
זיך געלאָזט דאַרט הערן. און איך זאָג אײַך:
ניט קײן בײזער מײן געװען — קאַפּויר גאָר: קעלבעריש התפּעלות,
אויף זײַן מו־מו־לשון אויסגעדרײט אַ שיר־המעלות. —
נאָר דער עולם גאָר צעװיגט זיך,

װעלף און בערן רעװען, װאָיען:
— אַזאַ חוצפּה! אַ בזיון!
פּײַפט גאָר! חוזק! װי געשיקט זיך?! —
און אין איין כּהרף־עין
שוין צעשפּאָלטן ליגט דער אָקס אויף דרײַען.
דאָך אַ נאָמען זיך געמאַכט: — אַ קרבן! —
פֿאַרן אמת, זאָגט מען, ער געשטאָרבן!

## שלום

אויף די דראָטן
פֿונעם טעלעגראַף געטאַנצט דער שׂטן
און מיט זיבן לאַנגע צונגען
קנאַקנדיק געקלונגען:
סלופּעס פֿון דער גאָרער וועלט, פֿאַרייניקט איַיך!
אײַערע אויער-שיסעלעך גיך רייניקט איַיך!
רייניקט איַיך און הערט:
אײַנגעטונקען האָב אַ פֿינגער איך אין בלוט פֿון מוטער ערד
און איך רוף אַ גרויסן און איך מאָל אים
אויף די טויערן פֿון דער וועלט — שלום!
שלום צו די נאָענטע, צו די וויַיטע, צו די בערג און טאָלן! —

אָבער זעט! וואָס רעשן זיך און קהלן
עפּעס אויבן דאָרט די פֿייגל?
דאָ מע גרייט די שנאָבלען, דאָרט מע שאַרפֿט די נעגל,
אָדלערס פּיקען פֿעלדזן, ראָבן קיזלשטיינער דזיאָבען!
וואָס! וואָס איז? — אַ קיימא-לן די קראָ האָט פֿון איר באָבען,
און איר באָבע פֿונעם פֿויגל פֿונעם ראָבען
און דער ראָבער פֿויגל פֿונעם וועלגער-העלצל פֿונעם גראָבן,
וואָס געשלאָגן האָט חד-גדיאָס קעצל,
און דאָס וועלגער-העלצל פֿונעם קלעצל,
וואָס עס ליגט ניַין איילן אין אדמה:
אַז דער שׂטן רופֿט צו שלום — וואַרט אויף אַ מלחמה!

## צעווישן יאָ און ניין

— שטיי! וווהין ר' האָז?
וואָס איז עפּעס פּאַר אַ לויפן, וואָס?
— סטייטש! גאָרניט געהערט? — אַ בראָך! אַ צרה!
עפּעס שמועסט מען דאָרט... אַ סברה —
אַ באַפעל אַזוינער פונעם שׂררה:
אַלע פּיקסן אָפּשניידן די עקן!
— וואָס אַזוי? אַי, אַי!.. נאַר דו, וואָס האָסטו זיך צו שרעקן?
— פרעגסט נאָך? ע, איך קען זיי גוט, די לייט, איך קען!
איידער וואָס און איידער ווען,
צעווישן יאָ און ניין,
איידער איך דערווייז זיי קלאָר און ריין,
על פּי דין,
ווער און וואָס איך בין —
שפּיל איך זיך דערווייל ניט מיט מלאָכים!
ווי מיר, איך שטעל עדות, אי דעם יעגערס הינטל,
אי דעם גלחם שיקסל.
ניט איך בין און ניט איך בין געווען אַ פּיקסל —
ערשט איך קוק זיך אום, אוי! ווו מיין עק? שוין נאָך אים!

אויפן אמת איר געטון אַ נים!
נו אַ גוטן! — גיב גאָט פּים!

# אַ קלאָץ־קשיא

— הערט איר, יוצא זײַן פּאַר צוויי איז טאַקע שווער.
רײַסט מיך דער אַהין, שלעפּט דער אַהער!
וויי־מיר! מע צערײַסט דאָך מיך אויף שטיקלעך!
רעדט די זעג זיך גליקלעך
און מיט שטאָלץ.
און דאָס קלעצל האָלץ
סע קרעכצט, סע שרײַט:
— וויי! געוואַלד! סע שטעכט, סע שנײַדט!
מילא — רײַסן זיי זיך, יענע לײַט,
דער אַהין און דער צו זיך.
אָבער איך?
איך, וואָס טו איך דאָ אינמיטן
זיי דאָרט רײַסן זיך, ווער איך צעשניטן!

# מזל און שלימזל

איינמאָל זיך דאָס מזל מיטן שלימזל באַגעגנט.
ווו און ווען? בײַם אָרעמען ר׳ שעיה,
תשעה־באב, אינדרויסן האָט גערעגנט
און דער תענית גרינג געווען, מחיה.
צי גאָר בײַ אַ דיכטער נאָכן טויט אויף דער לוויה.
צי — וויים איך ווו? וואָס די נפקא־מניה?
איך דערצייל אַ משל, און גענוג צו וויסן,
אַז דאָס מזל אויפן שלימזל געקוקט מיט קנאה,
פֿאַר פֿאַרדראָס די ליפּן אַזש געביסן.

גאָט מיט דיר! זאָגט שלימזל פֿאַרוווּנדערט.
וואָס אַזוינס דערזען אין מיר דו? הונדערט
שוואַרצע יאָר זיך שפּיגלען,
וואַשן זיך אין זויערמילך?
אין דער פֿינצטער, ווײ מיר, בריל איך:
דאַרן, ברענען זאָלן מײַנע פֿליגלען!
איך בין שולדיק! איך בין זינדיק! און פֿאַר וועמען?
פֿאַר דער חכמה! איך די חכמה מוז פֿאַרשעמען!
זי מיט גאַל זאָל שפּײַען, צי מיט בלוט!
זי מיט פֿעדערן אַרום באַשטעקן
און זי טרײַבן גאַסן אויף אַ שטעקן
אונטער שמיץ פֿון בייזער רוט!

— נו, און איך, וואָס מיינסטו, זאָגט דאָס מזל, מיר איז גוט?

מיר באַשערט דאָס נאַרישקייט באַדינען!
מילעך פון דער וואַנט איר מעלקן!
און אַ דאָרן־שטעקעלע זאָל בליען,
ווען די בלומען וועלקען!
ליידיק ניסעלע באַגילטן,
און אַן אויסגעבלאָזן איי זאָל גילטן
ווי אַ שטיינדעלע פון חושן!
אָבער שאַ נאַר! פראַן אַן עצה! — דהיינו?
— דו צו מײַנע, איך צו דײַנע!
טוישן!
נו, וואָס טראַכסטו? גיב די האַנט! אַ תקיעת־כּף פון צוויי מלאָכים
ניט קיין שפּאַס! זײַן ליבער נאָמען
וועט בעל־כּרחו זאָגן אָמן.

— ע! זאָגט שלימזל. אַ חכם!
שטרויכל ניט קיין שלימזל, ניט שטרויכל!
דאָס נאָך פעלט מיר — מיט נאַראָנים אָנצוהייבן! מוחל!
זאָל שוין זײַן ווי גאָט מיר אָנגעשריבן! —
און עד היום בײַ דער חכמה שלימזל פאַרבליבן!

# דאָס נעבעכל

שלמה בן גבירול
שרײַבט אַ גילדן שירל אויף אַ ווײַס פּאַפּירל
(ציליעט פּערל אויף אַ שנירל!)
וואָלט באַדאַרפט דאָך דאָס פּאַפּירל גליקלעך זײַן, וואָס דען?
ניין, גאָר קלאָגט זיך אויף דער פען:
— וואָס אַ שיכּור, זאָגט עס, קען!
האָט זיך דאָ ניט ווײַט אַ שענקל,
כאַפּט אַרײַן זיך אַלעמאָל אַהין
און פון דאָרטן מלא גלײַך צו מיר צו פלין.
האָב פון אים דעם טויט איך: ניט געוועזן אויף מיר אַ שפּרענקל,
ערשט געפּעכלט אין די אויגן — איצט,
זעט נאָר ווי ער האָט דאָס מיך באַשפּריצט!
ב ו ר ר ר!
וואָלט איך אים פאַרטריבן — איז דאָס ניט אין מײַן נאַטור.
ווען כאָטש גוטע לײַט אַ וואָרט געזאָגט אים,
אָנגעזידלט כאָטש אַביסל אים.

— תּם ונשלם!
שרײַט אויס בן גבירול און געחתמעט
און צונויפגעלייגט, פאַרזיגלט און געשיקט
צו זײַן חבר בן שפּרוט, דער אָדלער-זון, דער מתמיד
(וואָס בײַטאָג, בײַנאַכט די דימענט-בערגער פּיקט).
ווי מיט טרויבן אין דער מדבר בן-שפּרוט זיך קוויקט,
מיט התפּעלות, מיט אַ ברען

קושט ער, דריקט,
דריקט צום האַרץ דאָס קינד פון בן גבירולס פּען.
זע נאָר, שורשעט דאָס פּאַפּירל, דריקט מיך גאָר צום האַרץ,
איך געפעל, כאַטש איך בין שוואַרץ!
קושט מיך גאָר!
ווי־זשע וואָלט געווען שוין, ווען ווי פריר איך בין נאָך קלאָר?!

# די קראָ און דער קאַנאַריק

גריבלערס זוכן סיבות דינע,
איך זאָג: גלאַט אַזוי, פאַר קנאה
ביז די קראָ אויפֿן קאַנאַריק.
ז׳איז אויף אים, ווי זאָגט מען עס, להרוג
און לאבד,
אַז אין קאָפּ־אַרײַן מיר מיט זײַן טרילן רק ער דזשאָבעט.
דער בן־פּיקהאָלץ קען קיין רעכטן קראַ ניט נעמען
און ער טרעלעלײַקעט! פֿרעג פֿאַר וועמען?
ווער באַדאַרף דאָס גאָרגלעניש, דאָס ווײסטע?
שלימזל, גענוג שוין! אין די אויערן בלײַ מיר גיסטו!
קיין רחמנות גאָר בײַ דיר ניטאָ?
שרײַט די קראָ.
שרײַט זי, פֿילדערט, גראַגערט, אַזוי לאַנג
ביז פֿאַרטראַכט זיך דער קאַנאַריק: אין אַן אמת,
יעדער ווייסט: די קראָ אַ נביאטע און אַ חכמת.
ווער ווי זי פֿאַרשטייט זיך אויף געזאַנג?
אפשר טאַקע
קומט קיין טריל ניט צו קיין קראַקע.
צופֿיל זיך פֿאַרטרילערט שוין מסתּם איך.
איז נישט גלײַכער קראַקען? אָקאָרשט נאָר אַ פּרוּוו טון לאָז מיך!
פּרוּווט ער איינמאָל, צווייִמאָל, אויף דער לינקער כּלי,
אויף דער רעכטער.
זיך דאָס צינגל ווי מיט שטיינדעלעך צעבראָכט ער.
אַלע פֿייגעלעך אַרום אים קײַכן פֿאַר געלעכטער.

נאָר די קראָ איז גוט און פרום,
נעמט זיך אָן זײַן קריוודע, ציט אויף אים געגנאַד:
לאַכט ניט, קינדערלעך, מע טאָר ניט, זאָגט זי, לאַכן פון אַ מום!
ווי די גאַסנייִנגלעך דאָרט אין שטאָט!
פון קיין צרה קיינער ניט באַוואָרנט, קיינער!
קראַקע, קראַקע, זינעניו, אַליץ מער און מערער
וועט דאָס העלדזעלע דיר ווערן קלערער,
ריינער!
טון אַ קראַקע איז, פאַרשטייט זיך, עפּעס מער
ווי אַראָפּשלינגען אַ קער!
ס'איז אַ תורה, יע... און יעדער אָנהייב שווער...
אָבער: וואָס דער אָנהייב ביטערער — דער סוף געשמאַקער!
בראַוואָ! בראַוואָ!
הערט נאָר ווי ער טוט אַ נעם אויף דער אָקטאַווע
צו פאַררייסן, אָבער פאָרט טשיקאַווע.
הערט, ער וועט נאָך זײַן נישקשה פון אַ קראַקער
יע, יע, יע, איר מעגט מיר גלויבן...
פרייט זיך דער קאַנאַריק, איז באַ זיך געהויבן,
און וואָס מער ער מאַכט זיך לעבערלעך —
די קראָ אים גרייט צו לויבן.

# דער מבין

ר׳ אָראַנג-אוטאַנג,
ניט פון היינט ערשט, נאָך פון לאַנג,
ער פון וואַלד דאָס שיינדלינג, דער בן־יקיר.
ווייסט די סודות וואָס אין יעדן קנייטשל פונעם אַקער
און אין מינדסטן שאָרך פון בוים,
אים איז קלאָר איעדער „קוקו״ פון דער אַלטער קוקוווייקע
און פאַרענטפערט יעדן תּיקו
פונעם וואַלד. — — ויהי היום,
ער צערעדט זיך איבער
הויכע בערג און טיפע גריבער,
איבער טרערן־שטראָמען קוועלנדע,
און מצבות, צלם-ביימלעך עלנדע,
וואָס אין מיטן וועג אַוועקגעשטעלט על־פּי הדיבור,
און אויך איבער
פרייד,
וואָס שפּילט זיך שטילערהייט
מיט אַ נאַגנדיקן טרויער.

— נו, וואָס זאָגט איר? פרעגט דאָס פערד דעם בוהאַי אויפן אויער.
— וואָס איך זאָג? צו זאָגן גראָד איז דאָ אַ סך,
כאָטש צוריק גערעדט, געענוג מיט איין וואָרט: שוואַך!
ס׳הייסט... געוואָלט איך זאָגן... כ׳מיין... נאָר היינו הך!
רעדט נישקשה דער פאַרשוין,
אָבער ניט פאַר אונדז — פאַר דעם המון!

# דאָס פּידעלע, דער באַס און די טאַצן

מ'האָט געפרעגט דאָס פּידעלע אַמאָל:
זאָג, פאַרוואָס ר' באַמציק-צאַק
פּליעסקעט רק
מיט די טאַצן גאַנץ געשמאַק?
שפּילסטו ווערט ער שטאַרק נתפּעל,
ביסט באַ אים אַפּנים זער לעילא,
און דער באַס — אַ פּלא! —
נאָר ער וואָרטשעט, נאָר ער ברומט גאָר, ווי אַ חיה.
שפּילסט — דער אויער איז
ממש זיך מחיה —
אים געפעלט ניט: ער איז דאָס ניט גורם!
— איך בין אַן אַפּיקורוס,
זאָגט דאָס פּידעלע: איך מיין,
גלייבן דאַרף מען נאָר אין זיך אַליין...
באַמציק-צאַק איז באַ מיר גאָר ניט קיין בר-הכי
און דער באַס — נו, מילא —
ער איז אַפילו אַ בכבודיקע כּלי,
נאָר קיין יחוס איז ער ניט אין דער משפּחה.
ברומען — דאָס איז זיין מלאכה,
וויל ער ברומען? זאָל ער! כ'וועל ניט פּלאַצן,
ווי עס פרייט מיך ניט דאָס פּליעסקען פון די טאַצן!

# אמת און ליגן

„ליגן! ליגן!"
האָבן זיך צעשריגן
אויף אַ קול אַמאָל
יענע שטיקעלעך קריסטאָל,
וואָס אַרום אַ בליץ-לאָמפּ האָבן זיי געהאַנגען,
ווי אַ קראַנץ פון שטראַלן-זאַנגען —
„נו געבוג, ר' לאָמפּ, שוין שווינדלען אין די אויגן.
זאָל איעדער ווייסן: ליכט איז ניט געשטויגן
ניט געפלויגן.
אי דער לאָמפּ, אי יענער
הימלדיקער, קײַלעכדיקער ברענער,
די לבנה מיט די בנים,
שפּײַט זיי, קינדער, אָן אין פּנים:
אַלע זענען זיי, מחילה, גאָר שקרנים,
אַלע מאַכן זיי אַ פאַלשן שפּיל
אַ פאַרבלענדעניש פון פאַרבן, אַלערליי קאָלירן
און איר, שוטים, לאָזט אײַך פירן!
וואָס? איר גלויבט ניט? רעדן דאַרף מען דאָ ניט פיל.
קוקט, זײַט מוחל, איר אַליין,
זעט נאָר דעם סך-הכל פון דעם „מין",
וואָס איר רופט עס „ליכט"; איר זעט צי ניין?
בלוי און רויט און גרין.
— אמת, אמת! שרײַט דער עולם
נאָר אַ גולם

קען איצט זאָגן
ליכט און ניט קיין שווינדל האָט געשלאָגן
פון דער לאָמפּ אונדז אין די אויגן.
ווען קען איצט קומען גאָר אין מוח אַזאַ געדאַנק?
און דעם קאָפּ האָט מען געבויגן
מיט גרויס כבוד און מיט דאַנק
פאַר די אמת-זאָגערס, נאָר ניט לאַנג.
באַלד האָט מען מיט ווייטיק
שוין אַרויסגעזען
אַז דאָס פאַלשע ליכט איז נויטיק
יעדן גאָר געווען:
כּל-זמן מע האָט געגלייבט אין שטראַלן-ליגן
האָט איעדער
דאָרט כּסדר
גוט געזען, אַ פאַרגעניגן,
ס'איז געווען אין יעדן ווינקל ליכטיק, העל.
איצט איז יעדן אין די אויגן גרין און געל!

# מוז און מוזע

מוז —
גאָר ניטאָ פֿאַר אים קיין האַרטע נוס,
אַלץ צעקנאַקט ער.
און אַט נעמט ער גאָר דעם קנאַקער און ער ווערט זיך אַ רעדאַקטאָר!
דאָס אַזאַ מין בויגנשיסער, אַ געוואַגטער:
בויגנס ניט געשטויגנס אין די קעפּ אַריין ווי פּלאָקנס שיסט ער,
טינט ווי בלוט פֿאַרגיסט ער
און פֿאַראַרבעט מעשׂים מיט דער פּען!
(ווער סע מוז דער קען!)
איינמאָל, איך וועל אײַך ניט זאָגן פּינקטלעך ווען,
צי פֿאַרטאָגלעך, צי פֿאַרנאַכטלעך,
דעמלט ווען דער הימל אומעטיק פֿאַראַכטלעך
מיט איין שטערן פֿינטלט,
בײַ זײַן טיש דער מוז געזעסן, ווי זײַן שטייגער, און געטינטלט.
ערשט אונטערן טיש דאָס הינטל זיך צעהינטלט
(דאָס אַ פּעסווינקל אַ געבראָטנס!)
און אין ווינקעלע צעווישן ביכער־שראַנק און בעטל, פֿון די שאָטנס,
ווי פֿון אירע זיבן העמדעלעך די קוקורוזע,
אויסגעשיילט זיך ווער? די מוזע!
אָדם־נאַקעט אָן אַ פֿײַגנבלעטל,
און זי שאַרט זיך צו צום מוז... וואָס איז דאָס? מעשׂה־לילית?
ניט מײַן זאַך, איך רעד ניט קיין רכילות,
איך אַ משל אויסן נאַר, און וואָס צום משל שייך.
נו, אַ קיצור זי אַ חנדל, ער — אַ גלעטל

און זי רעדט דיבורים קלאָרע: איך
אָפּגעזאָגט זיך פון די בלייבע דיכטער מיט די אויסגעדרייטע שיך,
אויף די אָרעמע בעל-גאווהניקעס שפּײַ איך,
זוער סע צאָלט מיר — דעם געטריי איך!
— דאָס געפעלט מיר, זאָגט דער מוז,
דרייט אַ וואָנצע, פאַרלייגט אַ פוס אויף פוס.
דענקסט גרויסשטאָטיש, ביזט אין וועלט-זאַכן
שוין קענטיק, אַ געניטע!

— ביטע!
(העפלעך טראָגט ער אונטער איר אַ סיגאַרעטל).
ריכטיק, איך שוין, זאָגט זי, לאַנג אַוועק פון קליינעם שטעטל.
ווו די ציגן אויף די פריזבעס טרוימען
און חלומות שיקט צום הונט דער קוימען.
(דאָר און הויך און שמעקט נאָך רויך, און דיכטערט!)
הײַנט אַ וועלט אַ פּראַקטישע דאָך, איך זיך אויסגעניכטערט!
די לבנה שוין באַ מיר ניט קיין פאַרחלומטע פּרינצעסן,
זי האָט אויך אַ מאָגן און וויל עסן,
און זי האָט זיך אירע ליבע-געסלעך, שטילע אינטערעסן,
וואָס באַנאַכט מע רעדט פון זיי ניט אין אַ שטוב אָן אַ מזוזה.
מוזלט זיך די מוזע,
נעמט די פיסלעך אונטער זיך, פאַרציט דאָס סיגאַרעטל.
נו, און ווײַטער? וויים׳יך,
עסט מען טריפות, טרינקט מען נסך,
האָבן ווײַבער וואָס צו רעדן, שושקעט זיך דאָס שטעטל.
ביז באַוויזן אויף דער וועלט זיך אַ פּאָעטל
וואָס געראָטן אי אין טאַטן אי אין מאַמען:
ניט אַזוי אַ מוזע ווי אַ מוז אין גראַמען,
וועט פון אים אַמאָל אַ לײַט זײַן! פאַר דאַמען!

# דאָס פּייקל

אײַנגערעדט דאָס פּײַקל זיך אַ קינד אין בויך,
דאָס קען טרעפן זיך בײַ מענטשן אויך.
אָבער אַז דאָס פּײַקל מעוברת,
ווער איז
דער וואָס קען זיך צו אים גלײַכן?
פון זײַן בויך וועט דאָך אַרויסקומען דער פידלדיקער פידל,
וואָס וועט אָפּשפּילן דער וועלט דאָס לידלדיקע לידל
אַז די ביימער וועלן טאַנצן, פליעסקען וועלן טײַכן,
דאָס די גאַנצע וועלט באַצײַטנס מוז שוין פילן,
ווי אַזוי־זשע ניט דערעסן חברה־קלעזמער שוין דאָס אַלטע שפּילן?
— שאַט! זאָג איך אײַך! (פּאַטשט דאָס פּײַקל מיט די טאַצן) שאַט!
וואָס דאָס פּאַר אַ רימפּלעניש? איר מאַכט זיך נאַריש גלאַט?
ווײַזט דער וועלט: איר אויך קענט סקריפּען ווי די טיר?
הערט אַ נײַעם שיר־השירים איך טראָג אוים אין מיר!
אונטער האַרץ בײַ מיר ער דרימלט,
ווימלט,
און פון אײַך סע שימלט שוין, סע שימלט.
נעמט דער פּײַקלער האַסטיק שלאָגן:
— איידער נאָך באַווײַזן עפּעס רעכטס דו אויסצוטראָגן,
קומסטו שוין אונדז דעות זאָגן?
שטום!
— בים—באַם—בום! בים—באַם—בום!!!

# די בין און די שפּין

ס׳האָט די שפּין דערזען אַ בין
פֿלין
איבער בלימלעך דאָרט אַהער, אַהין,
כאַפּן דאָ אַ שמעק,
דאָרט אַ לעק,
און אים טראָגן גיך אַוועק
אין דעם בינשטאָק, וואָס ער שטייט ניט ווײַט
דאָרט אין אַ זײַט.

„גנבה! גנבה! שרײַט די שפּין
מיינסט איך זע ניט? כ׳זע! איך בין,
בינדעלע, אַן עדות!
לקחנסט דאָ און לקחנסט דאָרטן און אַ פּרייד איז:
האָניק! האָניק! האָניק מאַכט די בין זאָל לעבן:
כאַ, כאַ, כאַ! עס איז דאָך אַ געלעכטער, כ׳לעבן!
ס׳איז דער האָניק דײַנער
פּונקט ווי מײַנער.
פֿרעמדס איז דאָס דאָך! גזלה! טפֿו צו אַלדי שדים!
זע! דו גאָטס געזעגנס!
זע ווי איך צי פֿעדים!
נאָר פֿון מיר אַליין, נאָר אייגנס,
נאָר פֿון מײַנע דאָך געדערים.
פֿרעג בחרם
צי איך גנבע.

אויב מײַן װעבעכץ, אי מײַן קאַנװע
װאָס איך שפּין,
איז ניט מײַנע — זאָל מײַן נאָמען ניט זײַן שפּין!

— ביזט גערעכט! זאָגט איר די בין, נו מילא —
האָסט געפּאַקט מיך מיט אַ גנבה,
ס'איז מײַן האָניק פרעמדע זאַפט גאָר, גזלה!
כ'קאָך זי אָבער איבער לויט מײַן טבע
אויף מײַן אָרט און שטייגער, און כדאי איז:
ס'װערט פון איר דאָך עפּעס נײַעס,
זיס, געשמאַק — אַ חיות!
אָבער דו! דײַן װעבעכץ — עט!
װעגן װאָס איך האָב זיך דאָ צערעדט?
כ'לעבן, ניט כּדאי די רייד —
און די בין האָט אירע פליגעלעך צעשפּרייט...

## דער ברומבאַס

אור ליהודימלעך! בלינצלדיקער לאָמפּ
ברענט היינט פייערלעך, מיט פּאָמפּ.
די מוזינקע גיט היינט אויס רב אליה,
פידלט די קאַפּעליע
עוזר-דלימל עט קאָמפּ,
און מע הוליעט און מע טאַנצט אַזש ביז דער סטעליע,
לעבעדיק און פריילעך! נאָר דער ברומבאַס וואָרטשעט:
הוליעט, — מזל-טוב — אויסגעגעבן די מוזינקע!..
ווער? צוויי האָזן פלינקע —
אליה-שמש און די קרומע כינקע.
קוקט זיי אָן נאָר! ביידע איינגעהויקערט און געקאָרטשעט!
און די כלה-חתן?
זי אַן אתרוג, ער אַ לולב,
און — קול שמחה וקול ששון!
כאַדראַם דער שולהויף!
אפשר ווייסט איר וואָס? צוויי מתים גייען טאַנצן!
הפקר פּעטרישקע און שאַלעכץ פון מאַראַנצן!
אָט אַזוי אַ, וואָרטשעט ער, דער באַס — געזונטערהייט!
ווער-זשע הערט אים? ניט די טרובע, ניט דער פידל, ניט די פלייט.
ס'איז שוין פון תמיד אַן אַזוי: ער ברומט — זיי שפּילן.
און דער פידל ווערטלט זיך האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס:
ווען מען זאָל זיך צוהערן צום וואָרטשען פונעם באַס,
וואָלטן קיינמאָל ניט געפּליעסקעט טאַצן אויף דער גאַס...
נאָר מע האָט צום באַס קיין טענות ניט: פאַרקערט, זיי אַלע פילן
אויף דער גרעסטער שמחה, אינעם חתונה-געטומל —
וואָלט דער באַס געשוויגן, וואָלט ער אויסגעפּעלט צום רומל.

# דער גאַס־לאַמטערן

אויף אַ סלופּ אַ גאַס-לאַמטערן.
ברענען ברענט ער פֿײַן, נישקשה, ס׳הייסט: ניט שלעכט.
און פֿרעגט-זשע אָבער אים, איז דורך די נעכט
קאָנקורירט ער מיט די שטערן!
ער, דער שײַנדלינג פֿון דער גאַס, אינגאַנצן איר באַחנונג!
מנע... אַביסל וועגן זיך אַ הויכע מיינונג...
מילא, נו, אַזוי בכלל די טבע פֿון אַ הויכן...
זאָל ער נאָר די טבע ניט מיסברויכן.
ווייל ער גאָר מע זאָל אים רופֿן ר׳ לאַמטערן (דווקא מיט דער ריש),
און פֿאַרוואָס ניט טאַקע „עמוד-אש״,
און איז ברוגז, וואָס מע הערט ניט,
וואָס מע רעכנט זיך ניט מיט זיין ווילן...
נעמט זיך קעגן אים דער גאַס-הונט בילן:
ווי געפֿעלט אײַך אונדזער שטערן, אונדזער שטראַלנדיקער האַר?!
הויך און דאַר און שמעקט נאָך נאַר.
מיינט, כ׳האָב ניט געזען אַנומלט
ווי געבליבן ער צעקלאַפּט, צעטומלט
ווען אַ קונדסל געצילט מיט אַ פֿאַרפֿוילטן עפּל
און געטראָפֿן אים אין קעפּל?

ניט קיין קונץ קונץ אַפּנים ווערן גרויס בײַ זיך,
נאַפֿט און פֿײַער נעם אין קיך —
און אָגיל ואשׂמח — קײַלעכדיק און שפּיציק.
נאָר וואָס מער דער קפּדן היציק,

שטאָלצער נאָך דער סלוּפּ פאַררײַסט דעם קאָפּ
און ער רעדט צו דער לבנה: פײַערדיקער טאָפּ!
נו, וואָס זאָגסטו? אַז כּלבים קעגן אונדז איין בונט?
ווי נאַר אַ לבנה, בילט אַקעגן איר אַ הונט!..



טשערנאָוויץ 1928

# רײנער פון גאָלד

זיצט אַ גאָלדשמידל בײַ זיך אין קעמערל
און עס קלינגט דאָרט, קלינגט דאָס העמערל
אויף אַ גרויס שטיק גאָלד, און קלינגענדיק,
קלאַפּנדיק און זינגענדיק
צום שטיק גאָלד מיט ליבשאַפט רעדט עס:

„ליב מײַן גאָלד מיר, אָבער איך ניט גלעט עס!
נאַ דיר, נאַ דיר, נאַ דיר!
טאָמער ווייניק, בין איך נאָך מנדר:
איינס, צוויי, דרײַ, און ניט אומזיסט!
פע! ווי קומט צו דיר דאָס? פּסולת! פּוסט!
ניין! מײַן גאָלד! ניין, ניין!
ניט פון ערשטער פּראָבע דו! ניט ריין!"

הערט דאָס אַ פאַרזשאַווערט שטיקל אײַזן און עס זאָגט:
אַהאַ! מע שלאָגט!
קלאַפּט אים! גוט! אַ מצווה! דאָס האָב איך געוואָלט!
ניט געזען אַזוינס נאָך! אַ מציאה! גאָלד!
אויסגעמישט מיט קופּער צי מיט מעש
און איז גרויס בײַ זיך! אַ יש!
קוקט אָן מיך!
איך בין טאַקע איך!
אײַזן! גאָלע אײַזן! גאָלד מיר נישט קיין חבר!
כ׳בין אין יחוס אײנגעטונקען דאָך, אין זשאַווער!

איך בין ריין! צי אפשר נישט?
אפשר עפּעס צוגעמישט?
אדרבא, זאָל דאָס ווער דערוויַזן!
ניין, ניטאָ קיין ריינערס פון פאַרזשאַווערט אײַזן!

# דאָס צאַפּל־מענטשעלע

צווישן העלצלעך צוויי באַוועגט זיך, נייגט זיך, בייגט זיך
אָדמל — אַ מענטשל: „קאַטשקע רוק זיך" —
צו דערפרייען קליינע קינדער!
אָנגעטון אין ווײַסע הייזלעך, שוואַרצן פראַק,
אויפן קעפּל אַ צילינדער,
אויף די פיסלעך שיכעלעך פון לאַק
און — וואָס בייזע צינגלעך בילן! —
כאָטש סע טראָגט דאָך אויף די אייגלעך ברילן,
זעט דאָס מענטשעלע ניט ווײַטער פונעם נעזל!
(מילא, אפשר שולדיק איז דאָס אויגנגלעזל!)

אָבער פּאַרט דאָס מענטשעלע קיין פּשוטס ניט: אַ פילאָזאָפל!
קליינוואַרג רופט עס: דאָקטערל קאַרטאָפל!
נו, פילאָזאָפירט דאָס דאָקטערל אין ברילן.
וועגן וואָס־זשע? וועגן פרייען ווילן!
לעבן, קלערט עס, לעב איך, והראיה:
איך באַוועג זיך!
אָבער אָט די פראַגע וואָס איך פרעג זיך:
די באַוועגונג, צי איז זי אַ פרײַע?
פון מײַן פרײַען ווילן איך צו איר געשטויסן,
צי איר סיבה ניט אין מיר גאָר, נאָר אינדרויסן?
אויסער מיר אַ סיבה דאָרט אַזאַ
האָט אַ טבע זיך צו שפּילן,
אי מיט מיר, אי מיט מײַן ווילן.

אַ? וואָס זאָג איך, אַ?
לאָמיך אָקאָרשט זיך פֿאַרטיפֿן.
סיבה... דרויסן... די באַגריפֿן —
האָבן זיי אַ תּוך? אַ ממש? איז זייער אינהאַלט וואָגיק?
זאָג איך סיבה — איך גיב נאָך, איך גיב עס —
מוז די סיבה דאָך פֿון איר זײַט, על־פּי לאָגיק,
אויכעט האָבן זיך אַ סיבה... גייט אַ קייט פֿון סיבות
אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג דאָך... ווי דער דרויסן...
הייסט עס... וואָס־זשע בין איך אויסן?

אָן אַ סוף איז אָן אָן אָנהויב, סע פֿאַרשטייט זיך... נמצא:
קומט מען צו דער איבערצײַגונג — קלאָר אַרויף ממילא שווימט זי —
אַז... אַז וואָס? סע הייבט זיך גאָרניט אָן, סע לאָזט זיך גאָרניט אויס...
הכּל גאָרניט שבגאָרניט, גאָלע גאָרניט בלויז.
און אין מיטלפּונקט פֿון אָט דעם גאָרניט קיינער,
קיינער ניט נאָר איך —
מיט מײַן פֿראַק און מיט די שיך!

# שטערן

דער פּרנסה־געבער —
אַלטער צעבער
יאָרנלאַנג געשפּייַזט ער די בהמה,
אי די קו, זאָל לעבן, אי די ציג, אפילו די חזירים
(כאָטש די לעצטע צופּיל שוין געקראָכן אים אין די גערדערים).
דערמלט ער געוועזן אַ „כּלי שלמה"
„אונדזער פּאָטער", „אונדזער שפּייזער",
און געלויבט אין טאָג אַריין אים, העכער הייַזער,
איצטער אויף דער עלטער, אַז שוין אָפּגעדינט, אַ שברי־כּלי,
וואַלגערט ער זיך דאָרט אין „מושב זקנים" —
אויף אַ קופּע אַלטוואַרג, ניט געשווינט פון קיינעם.

קומט צו גיין די טעלעצע, די געלע,
(ער דאָך נאָך איר מאַמען אויסגעכאָוועט!)
טוט אַ שמאָרע מיט די נאָזלעכער און גייט זיך.
סע שטייט ניט אָן איר טאַטן, כאָטש אַ לעק טון אים בכּבוד!
און די ציג די נאַרישע, זי דרייט זיך
און מיט מע און בע אינגאַנצן אים מבטל.
ערגער נאָך דאָס ווייַסע חזירל, דאָס יאַטל —
מיטן כּשר־פּיסל אים געטון אַ שטויס!
עד פּאַרפּאַלן! אַלץ פּאַרפּאַלן! אוים!

— ניט געזאָרגט, אָחינו אַתּה!
טרייסט אים אַלטע שמאַטע,

העך זיך איַינעט נאָר, גלויב מיר,
אַ קבלה האָ׳מיר, ווייס: פון שמאַטעס ווערט פּאַפּיר,
קלאָר פּאַפּיר פאַר מוסר־ספרים, הללויה־לידער,
און דערויף בין איך, פאַרשטייסטו, שטאָלץ!
און פון האָלץ ווערט אויך פּאַפּיר, פון האָלץ!
זע׳מיר, הייסט עס, ברידער, יאָ מיר זענען ברידער!
און וואָס נאָך? דו מעגסט עס הערן:
פון פאַרפוילטע העלצלעך, זאָגט מען, ווערן שטערן.
און אַליין געזען איך אויך:
האָלץ גייט אויף אין הימל מיטן רויך...
(ניט אומזיסט
וואַלגערט זיך ר׳ שמאַטע אויפן מיסט,
ער געוואָרן דאָרטן „מיסטיש״, אין קבלה עוסק.
איז אין הימל־זאַכן ער אַ פּוסק.)
גלייבט דער צעבער אים... (אַגב סע גלייבט זיך טאַקע גערן...)
און גענומען מיט דער צייַט דער צעבער קלערן:
צי, ווען ניט די צעבערס, וואָלט בכלל געווען אין הימל שטערן?

# מלאָכים

יאָ, מײַן ליבער פרײַנד,
יאָ, אַמאָל מלאָכים אומגעגאַנגען באָרוועס, הײַנט
גייען זיי אין שיך.
און זיי מאַכט זיך אויך שוין אויפן קאָפּ אַ פליך.
ווײַל מ'שטיינס געזאָגט מלאָכים, הײַנטיקע מלאָכים,
וואָס? אַ חברה פשוטע נצרכים.
ווײנען אויף מי־יחיה גלײַך ווי דו, ווי איך.
שולדיק גאָר אין דעם ר' נחמן ביאַליק,
אונדזער נביא. ער אין צער און צאָרן גאַליק
אויסגעפּויקט אַ סוד:
יידן, אײַער גאָט
איז אַ יורד לא־עליכם, איז באַנקראָט!
דעמלט אַלצדינג זיך אַ וואַקל: ווו אמונה? ווו בטחון?
ווי דער רויך פון קוימען, ווי דער שניי פאַריעריקער צעקראָכן!
און אַ טרעט־צו אַלע מיטאַמאָל צום הימל־פענצטערל צום שמאָלן,
מיט די אַלטע װעקסעלעך און מיט אַ שטורעם: צאָלן!
ווייסעך! אמרו לאלוהים! רעד צום לאָמפּ!
בע! פאַרהאַקט דאָס פענצטערל... נאָך נעילה...
אָפּגעדאַנקט די אַלטע פירמע „לילי"
(„לי הכסף, לי הזהב"), יה עט קאָמפּ!
און אַז אויסגעלאָזט אַ טייך זיך פון דער הויכער פײַער־קאַסע —
די משרתים און משרתימלעך פון דער פמליא,
זיי פון הימל ביז צו דר'ערד אַראָפּגעשווענקט אַ כוואַליע,
אויף דער ערד וואָס טוט מען? נעם, כאָטש טו דיר אָן אַ מעשׂה!

אַז אַ צרה: סײַ אַ גלח, סײַ אַ מלאך, ניט קײן חילוק —
דאָ פּרנסה דאַרף מען, און פּרנסה איז ניטאָ, ניטאָ!
ניט אַזוי מלאָכים — מענטשן איבריק דאָ,
כאַטש מיט סם ווי שטשורעס זיי פּאַרטיליק!
אַז דער מענטש ווי טײַבלסקויט איז ביליק!
אַז דער גולם גאָר דעם מענטש אַרויסגעשטויסן!
גולמס, גולמס איבער עולם-גולם גרויסן,
גולמס אײַזן... גולמס שטאָל...
ווער-זשע דאַרף שוין הײַנט מלאָכים? הײַנט איז ניט אַמאָל!

נו, בקיצור,
אַז דאָס לעבן שווערער און דער טויט ניט גרינגער,
זייגט מען אוים פּרנסות פון די פינגער:

איינער ווערט אַ זיצער —
שבעה-זיצער... איר פאַרשטייט?
נאָך אַ נאָנטן בר-מינן ווער קען דאָס הײַנט, ווער מעג,
איבערגעבנדיק זיך שטיל זײַן טיפער טרויער-לייד,
נעמען גאָר אינמיטן האָווענישׁ-געיעג
זיך אָוועקזעצן אויף זיבן גאַנצע טעג?
דו וועסט זיצן און דײַן וועקסל דאָרט זיך פּראָטעסטירן,
צי, ניט דאָ געדאַכט, דײַן שטעלע קענסט פאַרלירן...
איז, אַז ס'טרעפט זיך — ניט פאַר קיין שום יידן! —
קומט דער מלאך דיקרנסה
און ער זיצט פאַר דיר צוליב פּרנסה.
ס'איז אַן אויפטו, יאָ, אי גאָט אי לײַט צופרידן —
ציוויליזאַציע!

גאָר אַן אַנדער עסק זיך געפונען פּצעפּציה
ער געוואָרן איז אַ ניסער,

דאָס אַזאַ מין נמרוד, „נאַזנשיסער״.
שטייט אַ קרעמער אין געוועלבל און ער שווערט זיך פֿאַר אַ קונה,
אַז דער פּדיון הײַנט געשלאָגן... לייזן וויל מען גערן,
לאָזט ער אָפּ אים אַ מציאהלע אין קרן,
און, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס ער פֿאַרדינט דאָ, ווינטשט ער נאָר אַ שׂונא.
וואַקסט דערבײַ אויס פּצפּציה
און אַפּצי — אַפּצי — פּציפּאַציע!
תּקיעות, תּרועות און שברימלעך אַזוינע און אַזוינע,
אויף דער גאַנצער גאַס געבלאָזן און געשאָסן.
זאָגט דער קרעמער: זעט איר, אויפֿן אמת ער גענאָסן!
און דער מלאך כאַפּט דערפֿאַר שוין זײַנס אַ גראָשן.

האָ׳מיר זיי פֿאַרזאָרגט שוין. און כּתריאל?
ער פֿאַרגיסט צעריסענע קאַלאָשן
מיטן קײַעכץ
פֿון פֿאַליטישע מגידימלעך און ניכטער שפּײַעכץ.

און שלומיאל?
ער געוואָרן אַ כּפּרה-הינדל
ערגעצווו אין אַ געזינדל
פֿון כינעזער.
אַז מע נעמט זיך דאָרטן רײַסן פֿאַר די נעזער,
אָדער פֿאַר די צעפּ,
ער אַרײַן אין מיטן און כאַפּט אויס די קלעפּ
און באַקומט דערפֿאַר פֿאַרדינסט אַ שיסעלע מיט רײַז
(מער אַ קלאַפּ צי ווייניקער — איין פּרײַז,
קאַרגט מען ניט קיין פּליאַסק אים).

דאָס איז,

זאָגט איר מיר, פּרנסות

ניט בכּבודיקע פאַר מלאָכים? — מסכּים!

אָבער די געשיכטע וועט נאָך די מלאכים בענטשן:

נײַע צווײַגן פון פּרנסה אויסגעטראַכט פאַר מענטשן.

*

נאָר צוריקגערעדט, ווער קען אויף זיכער זאָגן?

מענטש פליט הײַנט מיט לופט-באַלאָנען, ניט מיט פערד און וואָגן!

הויך און העכער אַלץ — אַז ווויל אים!

קען ער נאָך פאַר די פּרנסות אויך באַשאַפן זיך אַ גולם!

## בענקלעך

צי געזונט דאָס, צי חלילה קרענקלעך —
מיט התפעלות זיך צערעדט די בענקלעך
וועגן, טויזנט מאָל איך בעט אײַך איבער, וועגן,
זײַט מיר מוחל, וועגן אונטער־חלק,
פון זײַן כּבוד וועגן אַלץ באַשאַפן, ער איז הייליק
און דערהויבן, און באַ זײַן חשיבות
ווייך און דורכגעדרונגען מיט עניוות,
נאָר די נידריקע מיט רחמים שעצט ער.
וואָס? מה אָנו? מה חיינו?
שפּלדיקע ברואים, קליינע,
און אויף אונדז זיך מיט זײַן כּבוד זעצט ער,
נאָר אויף אונדז און ניט אויף הויכן, ברייט געגרייטן טיש.

— ישקני!
זאָל ער קישן מיך מיט זיינע קיש
מיט די זיסע,
ער דער מלך יושב על הכסא!
(איינס אַ בענקל זיך צעבענקלט אין אַ בענקשאַפט)
— אָמן! (זאָגט דאָס צווייטע)
מיר פון זײַנעטוועגן שטיי׳מיר גרייטע
סײַ אין רחבות, סײַ אין ענגשאַפט.

— אמת (זאָגט דאָס דריטע) און וואָס נאָך מוז
יעדער וויסן און געדענקען: אַלע שבע חכמות

ער מיט זיצפלייש בלויז באַהערשט.

— דאָס אַ קלייניקייט, דאָס וויכטיקסטע וועט קומען ערשט:
ניט מיט גבורה, ניט מיט וווּנדער פון מצרים,
ניט מיט דונערן און בליצן —
ער מיט זיצן
וועט נאָך אָפּנעמען ירושלים!

— אַפּצי! טוט זיך שאָקלענדיק דער טיש אַ נים:
זײַט איך שטיי אויף מײַנע פּיס
איך אַזוי נאָך, זאָגט ער, ניט גענאָסן זים.

— אויפן אמת! — שרײַען אַלע — אויפן אמת!

— אין דײַן שופלאָד! — טיף אין דײַן זכרון נעם עס!

— יאָ, יאָ, יאָ, געדענק!
וועסט נאָך זוכה זײַן דערלעבן דאָס מיט אונדז אינאיינעם.
און אַ טאַנץ וועט זײַן אויף טיש און בענק!

און דער סוף? דערציילט ניט קיינעם —
לאַנג די בענקעלעך צעקראַכן און צעבראָכן
און מע לעבט נאָך אַלץ מיט אַלטן כּשרן בטחון!..

## גבורה

ווער־זשע ווייסט ניט אַז אַ בריה איז דער האָז?
קערט זיך איבער אויפן רוקן, פאַלט אויף ווייכן גראָז
און צעקלאַפּט די נאָז. —
לויפט דער האָז צום וואַסער טון אַ טרונק,
ערשט אַ ליז מיט לאַנגע אוירן שטעלט אים דאָרט אַרויס אַ צונג.
טוט דער האָז, פאַרשטייט זיך דאָך, צוריק אַ שפּרונג
און אַהיים, אַהיים ער טראָגט זיך צו זײַן הייזל.
זע: סע לויפט אים איבער אויפן וועג אַ מײַזל!
איז אַוודאי דאָס אַ סימן דאָך אַ שלעכטער,
און ווער ווייסט צי איז ניט דאָס די רעכטע מויז
וואָס באַ האָזן ציט דאָס חיות זי אַרויס
מיט געוויין און מיט געלעכטער?

קערעוועט ער אוים דער שלימזל אויף לינקס —
האָרך: אַ דזשימדזשעלע אַ גרינגס!
וואָס־זשע זאָל דאָס זײַן? — אַ הינט־געביל!
(אינדעראמתן צעווישן גראָזן שפּילט אַ גריל)
וואַרפט ער זיך צוריק צוואַלאָם, צוואַלאָם אויף רעכטס,
קומט אַקעגן אים אַ גוג מגוג,
אויפן קאָפּ צוויי הערנער, אויפן האַלדז אַ גלאָק
(ווער איז דאָס? — אַ ציגן־באָק!)
אינעם בערדל זעט מען, אַז פאַרטראַכט ער עפּעס שלעכטס!
נאָר וווּהין אַנטלויפט מען, אַז דער שׂטן
אַלע וועגן ווי פאַרצוימט מיט דראָטן?

ווערט דער האָז צעטומלט, ווייסט ניט ווו ער איז,
אין די אויגן באַקן, אין די אוירן גלאָקן,
וואַרפט ער זיך אַהין־אַהער און טוט דעם באַק אין פּוס אַ ביס!
דאָ פאַר זיך אַליין דער האָז זיך שוין דערשראָקן
און פאַר זיך אַליין געגומען ער אַנטלויפן, יאָגן
הענדום־פענדום וואַהין די פיס אים טראָגן.

און דערנאָך זײַן לעבן־לאַנג דער האָז געגעסן זיך, געגעסן:
סטײַטש און סטײַטש, אַזאַ לײַכטזיניקײַט!
ווי מעג מען זיך אַזוי פאַרגעסן!
גוט! מיר אָפּגעגאָלטן גראָד! און ווען חלילה ניט?
ווען דער מזיק מיט די הערנער מיר גאָר גיט?
טאַקע, יאָ, גבורה פּאַסט זיך פאַר אַ האָז,
אָבער איבערכאַפּן דאַרף מען ניט די מאָס!

# אדון בפקדך

אָדון בפקדך — אַ הונט אַן אַכזר,
און געוויינטלעך, ווי אַ כּלב, וואַך זער,
היט דאָס דאַברע־מזל פונעם באַלעבאָס,
היט ער מיט די ציין און מיט דער נאָז,
און נאָך מערער מיט דער צונג.
אַבער
כאָטש אַ הונט אַ גראָבער —
ניט קיין גראָבער יונג.
(ער געהאַט אַ גוטן רבין: דעם משרת פישקע נאַשער...)
ווייסט דעם פּסוק ער: „אין צדיק אשר"...
ס'הייסט געוועזן איין צדיק בלויז, וואָס ניט פאַרזוכט קיין פּופּיק —
בין איך אויך מסופּק...
איז דערומעך מוז אַ הונט, געדענקענדיק זײַן חוב,
אויפן הויף,
ניט פאַרגעסן אויך אין זיך
און אַמאָל אַרײַנקוקן אין קיך.
קוקט ער —
קומט אים אַ געבראָטן טײַבעלע אין מויל!
איז ער דאָך ניט, חס ושלום, קיין פאַררוקטער,
וואָס מען טאָר ניט, טאָר מען ניט, דאָס ווייסט ער וווּל.
לעבעדיקע טײַבעלעך ניט רירן וועט ער!
אויף געבראָטענע געפינט מען שוין אַ היתר.
לויפט ער ווי פון אַ ביקסעלע אַ קויל
ערגעץ אין אַ ווינקעלע אין שאָטן

צו פֿאַרזוכן דאָס געבראָטן,
ערשט — אַ שׂטן!
פּישקע מיטן שטעקן...
זעט נאָר, זעט! ער שלאָגט דאָך, אַ!
האַווקעט אָדון בפקדך!
וואָס? אוים וועלט? מע טאָר שוין גאָר אין קיך אַריַין ניט שמעקן?
מיינסטו, איך וויים ניט, אַז... און אַז... און אַז עס
איז אַ חוצפּה און אַ גרויסער עזות,
דו זאָלסט לערנען מיך „לא תגנוב״?
אָט צעשריַי איך זיך, אַז ס׳כאַפּן זיך די קינדער אין די וויגן אויף!
זאָל מען הערן, זאָל מען וויסן!
פּישקע אָבער הערט אים ווי דעם קאָטער
און שלאָגט אָפּ דעם הונט דעם ביסן.

*

איז דער כּלב אויפגעטראָגן, —
גייט אום אָנגעלאָדן, האַלט זיך אין איין קלאָגן:
גזלה און רציחה!
זינט דער אמת איז געשטאָרבן, איז דאָס לעבן מיר ניט ניחא.

## דער מוטיקער

גייט אַרוים אַ מײַזעלע אויף רויב,
קוקט אַהין, אַהער, דערזעט אַ טרויב
(עמיצער געגעסן טרויבן דאָרט מסתּם).
ס'ערשטע אים אויפֿן געדאַנקעלע געקומען: סם!
און געקלערט צו מאַכן פּיס,
נאָר פֿאַרשעמט זיך באַלד: ער איז דאָך שוין אַ חתן;
ווען די כּלה זעט דאָס, לאַכט זי דאָך, געוויס,
און סע וואָלט איר אפשר גאָר פֿאַרדראָסן
און מיט בליקעלעך מיט בייזע אים דערשאָסן,
צי, חלילה, אים מיט נעגל־וואַסער אָפּגעגאָסן...
ווערט אים אין די אייגלעך, נעבעך, שוואַרץ
און סע נעמט זיך אָן מיט האַרץ —
עלעהיי דער שוואַרצער קאָטער טוט אים אַ צעדרויבל;
איינס און צוויי אַ שלינג אַראָפּ דאָס טרויבל —
בעסער שטאַרבן שיין ווי לעבן מיאוס!

נו, און וואָס? דאָס טרויבל צוקער־זיס!
און צום טאַנצן גאָר סע הייבן זיך די פֿיס
(וואָס... אַ סך דען דאַרף אַ מײַזל, סע זאָל ווערן בגילופֿין?).

ברענען האָפּערדיק די אייגלעך, נעמט עס רופֿן:
איך בין שפּרינגער־שלינגער, רײַסער־בײַסער, צעפּליק־פּליקער —
גיט אַהער דעם קאָטער מיר, צערײַס איך אים אויף שטיקער!

# עכבראָשל

עכבראָשל
איז אַ מייזעלע אַ פראָשל
מיט אַ פיסעלע אַ לאַמען;
דאָך אַזוי געמאַכט זיך באַ די מײַז אַ נאָמען!
אַט דער שנעק
אַראָפּגעביסן באַ דער קאַץ דעם עק!
אָפּגעביסן? יאָ אָפּגעביסן!..
אָבער ראשית דאַרפט איר וויסן,
אַז באַ מײַזלעך בײַסן הייסט אויך טון אַ קראַץ,
והשנית איז געווען דאָס ניט אַ קאַץ,
נאָר אַ קעצל...
און דאָס קעצל — ניט אַ קעצל, נאָר אַ קלעצל,
און דאָס קלעצל — ניט אַ קלעצל, נאָר אַ פּלעצל
אויף אַ טעצל!..

# די בהלה

איצעלע
אָפּגעטון די מײַז אַ שפּיצעלע.
אַ מה־יעשׂהניק! געכאַפּט אַ מײַזעלע, באַם עקעלע
צוגעבונדן אים אַ גלעקעלע.
אָפּגעלאָזט עס, לויפֿט דאָס מײַזעלע גיך, גיך,
גלײַך אין לאָך צו זיך.

נו געוואָרן דאָרט אַן איבערקערעניש, אַ חושך!
בין אומשטאַנד דען צו באַמאָלן דעם געטומל, דעם גערויש איך?
יאָגנדיק,
ווי פֿאַרסמטע שרעטעלעך אַהין, אַהער זיך טראָגנדיק,
איינס איבער דאָס אַנדערע צעמישטע מײַזעלעך זיי שפּרינגען
און זיי פֿרעגן: נו, געהערט, געהערט אַ קלינגען?
און אין גריבל,
בײַ דער פֿריזבע פֿונעם אונטערשטיבל,
זיצט אַ כּנופֿיהלע צונויפֿגעטוליעט
און מע שושקעט זיך דערשראָקן:
— האָרכט איר? זאָגט אַ מויז אַ זקן,
האָרכט איר? דוכט זיך מיר, אַן עכברוש דאָרט הוליעט!

— וואָס? אַן עכברוש? וואָס הייסט דאָס? — ס׳איז אַזאַ מין לצל,
וואָס סע ווערט מגולגל אין אַ קעצל,
און ס׳האָט רויטע הערנערלעך!
אַז מען זעט עס, טוט מען זיך אַ צי באַם אויער, אַ ניס,
און מע זאָגט: אויף פּוסטע לעבער און אויף דערנערלעך!
ניט, חלילה, שנײַדט מען אָפּעט מיאוס! —

און אין ווינקעלע באַם פּעסל
שטייט אַן עכברל, מער טויט ווי לעבעדיק — אַ מתל!
און מיט אים צוויי דאַמען,
ווײַסע, חשובע, מיט גוידערלעך,
איינע פֿון דער היים אַרויסגעכאַפּט זיך, צוגעזאָגט ניט זאָמען —
און אינמיטן גאָר אַ קלינגען! שווידערלעך!
חלשט זי, פֿאַרוואַרפֿט איר קעפּל אויף זײַן פּלייצע.
איינע טוליעט צו זיך, פּלאַטערט: אוי, וואָס טוט מען? גיט אַן עצה!
ער זיי גלעט, באַרויִקט מיט אַ שמייכל:
— נו, גענוג שוין! לאַנגע עקן — קורצער שׂכל!
ווײַבער... ניט קיין קלייניקײַט... דערשראָקן... וואָס? ! אַ קלינג! —
פּלוצים, אין די רייד — דינג, דינג!
ער דערהערט דאָס גלעקל און ויברח! זיי אים נאָך
און אַרײַן אין לאָך!
נאָר פֿון דאָרטן תּיכּף זיי אַרויס.
אונדזער מויז
מיטן גלעקל אײַן און אויס,
ווי אַ סקרוך, אַ קראַץ-קראַץ איבער אַלע לעכער.
וויי! דער פּחד קלינגט אַלץ העכער, העכער,
ער פֿאַרטויבט, צעטומלט אַלע מײַזן-קעפּלעך.
מע באַהאַלט זיך אויפֿן אויוון, אין די טעפּלעך,
אונטערן טירל ביי די טרעפּלעך,
דער פֿאַרצווייפֿלט שפּרינגט אין נאָענטן טייכל
יענע לויפֿט און טרעפֿט אין קאָטערס טריפֿה-בײַכל. —

און דער גלגול? אויסגעצויגן — לויפֿן שוין ניט מעגלעך! —
ליגט זיך ערגעץ, פּלאַטערט, קוקט צעטומלט מיט די אייגלעך
און אַ וווּנדער: עכברוש, פֿון אַלע מײַז דער שרעק,
זיך אַליין דערשראָקן, פֿאַר זײַן אייגענעם עק!

# דער פּוס

האָט אַזוי דערציילט זיך אין אַן אַלטן קלוגן בוך:
אויף אַ פּוס זיך אָנגעזעצט ניט צו דער מאָס אַ שוך.
עפּעס פּעלט אים אין דער ברייט, נאָך מערער אין דער לענג.

— פינצטער איז מיר! ביטער איז מיר! ענג!
(שרײַט און צאַפּלט זיך אין קלעם דער פּוס)
גיין וויל איך! איך דאַרף! איך מוז!
און ס'איז ניט צו רירן זיך. געוואַלט, וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט!
נאָר אויף קוועלעניש, אויף פּיין און פּלאָג געשטעלט!
קוועטשט דער שוך, קומט־צו נאָך אַ מאַזאָליע!
ווי אַ הינערנאָגל אַ פּאַסאָליע!
אײ, פּאַמעלעך!.. אײַ, אײַ, אײַ, פּאַוואָליע!..
ווער אויף מיר דאַרט אָנגעטראָטן?..
האָט רחמנות, מענטשן! וואָס וועל איך אײַך בעטן:
נעמט אַ האַק און האַקט מיר אָפּ די פינגער!
אפשר מיר אַביסל לויזער ווערן, גרינגער!
צו מײַן סוף וועט זײַן אַן עק! און פּטור!
ניט קײַן מכּה, ניט קיין בלאָטער!

— זאָל ניט זיין דיר, ברודער־לעב, פּאַרדריסלעך!
(רופט זיך אָן דער קלאָרער זאָק)
רעדסט דאָך, זײַ מיר מוחל, ווי אַ נאַר! איך זאָג:
ווער ס'האָט הינעראויגן זעט נאָר נאַכט און ניט קיין טאָג!
מיך הער, מיך: באַ מײַן געבוירן מיר געשטעלט די באָבע שפּיסלעך,

האָב איך ריינע, קלאָרע אויגן...
זע איך: ברייט די וועלט ליגט אויסגעצויגן,
ברייט און גרויס, און פריַי, און ליכטיק,
מעגסט מיר גלויבן, איך זע ריכטיק!..

— דאָס ניט וויכטיק
(טוט דער פּוס אַ טופּע שטרענג)
וואָס מיר וועלט איז ברייט? מיַין שוך איז ענג!

# שלומיאל

— דו שלומיאל! דו פּאַנטאָפּלהעלד!
שעמסט זיך גאָרניט פאַר דער וועלט?
(שמײַסט דאָס שנירל פונעם שיכל דעם אָפּצאַס)
אויפן קאָפּ אים טרעט מען, און ער מיינט — אַ שפּאַס.
שיין צו לאָזן טרעטן אויפן קאָפּ זיך? שיין? —
און עס לאָזט ניט אָפּ דאָס שנירל, ניין!
טאָג אויף טאָג אַלץ שמיצלעך, שמיצלעך
און: שלומיאל! און: לא יצלח!

ביז צום סוף אַ כאַפּ געטאָן זיך דער אָפּצאַס:
— טאַקע אמת! איכל
לאָזן טרעטן זיך פון עפּעם דאָרט אַ שיכל,
אי אין שטוב, אי אין גאַס?

לא
מיט אַן אַלף, שיכעלע! אַזוי
ווײַטער וועט ניט גייען! —

און גענומען דער אָפּצאַס זיך דרייען,
ער פון אונטער דעם פּאַנטאָפל מוז אַפיר ער, מוז!
שוין גענוג געלאָזט זיך טרעטן מיטן פוס.
שוין גענוג בזיונות און יסורים!
אַלצדינג האָט אַ שיעור! (איר הערט דיבורים?
אים אַליין געחידושט און געשראָקן זײַנע רייד!)

און געדרייט, געדרייט
און זיך טאַקע אויסגעדרייט!
אָבער וואָס? נאָך וואָס? אומזיסט!
אויסגעדרייט זיך פון פּאַנטאָפל און אַרײַן אין מיסט!

# כעסל מיטן פעסל

כעסל
טראָגט אַ פעסל
אויף די פּלייצעס,
און דאָס פעסל קליגערט זיך און גיט אים עצות:
— שטיי!
נייִן, וואָס זאָג איך? גיי!
ניט אַהער, דו גולם דו! אַהינצו דריי!
סטאָפּ!
ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן?
אפשר אויפֿן קאָפּ
וואָלסט מיך געטראָגן?
אָט ווי יענע סלופּעס, די לאַמטערנעס?
אָדער וואַרט! (אַז לערנען דאַרף מען אים, נאָר לערנען!)
אויף דייַן ברוסט מיך נעם
און פֿאַרקלעם
ווי אַ רייף אין דייַנע אָרעמס מיך!
נוזשע גיך!
פּאָלג דיין פעסל און ניט רייץ עם!

— וואָס? ציט כעסל מיט די פּלייצעס.
אויפֿן האַרץ און אויפֿן קאָפּ דיך? פּשיטא!
אפשר גאָר אויף דר׳ערד אַביסל? ביטע!
אָט אַזוי אַ! דוכט זיך גלייַכער, קלער איך! —
און דעם פעסל פֿון די פּלייצעס כעסל גיט דעם דרך!

# שקאַרפּעטקעס

מיט אַ שקאַרפּעטקע אפילו טאָר אַ משל זיך ניט שעמען.
רעדט די שקאַרפּעטקע, צו וועמען?
צו די שיך:
איך באַדין דעם פוס, איר — מיך.
און פאַרקניפּט, פאַרבונדן מיר, נאַטירלעך.
איר צו מיר מיט שנירלעך,
איך צו אים מיט בענדלעך,
און דעריבער, זעלבסטפאַרשטענדלעך,
בין פון אײַך איך עלטער, ווי דער פוס פון מיר...
אַ, וואָס דרייט איר זיך דאָרט אויפן קנאַפּל? הערט נאָר, איר!
אויך מיר לײַט! ווער, מיינט איר, זענט איר? אפשר קליידער?
וואָרט אַביסל — מירטשעם פורים נאָכן סדר.
כאָסערדאַרגעס זענט איר! פּעל פון גראָבן לעדער,
ס'איז פאַר אײַך אַ כּבוד דאָך, אַ זכות,
אַז די שקאַרפּעטקע וואָס נעמט אַרום דעם פוס,
איך, זײַן לײַב־פרײַנד, לאָז אַרײַן מיט אײַך זיך אין אַ שמועס.
קושט מײַן פּיאַטע־זשע און רעדט ניט! שאַט!
און דער צד
שכּנגד
טענהט: — אַדרבא שקאַרפּעטקע איז ניט קיין בגד,
ניט די ווערט זי אונדזער קנאַפּל, נאָר אַ טפל
צו די שיך און די פּאַנטאָפל.
שפּינוועבס! כּשר פּאָדעם!
און דער פוס, ער הערט און טוט זיך זײַנס:
ער טרעט די ביידע צדדים!

# ווייזערס

יעדער ברענגט נאָך זײַן יכולת:
ווער אַן אָקס, און ווער אַ קרבן־סולת.
איך — צוויי ווײַזערס פון אַ זייגער
שענק איך אײַך, אַ גרויסע האָפנונג — טרעגער!
אָרעם מײַן מתנה,
אָבער עיקר ניט די ווײַזערס — די כוונה.

— הײַדאַ, קריכער
ריר זיך, ריר זיך, גיכער!
צו זײַן חבר זאָגט דער גרויסער ווײַזער.
אויך אַ גייען! העכער הײַזער!
דאָס הייסט גייען מיט דער צייט?
זע נאַר! איך אַזוי שוין ווײַט!
באַלד דעם גאַנצן וועג איך דורכגעמאַכט,
דעם אַרום־אַרום, מאָלף ועד תּיו!
און ער קריכט נאָך! שאַ, מיר דוכט,
ער איז אײַנגעשלאָפן גאַר! נו, שלאָף!
זיסע דיר חלומות: אָפּגעשטעלט די זון זיך און זאָגט שירה...
אין אַתּונא,
דאָרט אַ חכם איינער אויסגעפונען על־פּי חקירה:
ניט די צײַט נאָר מיר אַליין גאָר דרייען זיך משונה...
און דער מלאך הממונה
אויף צעבראָכענע זייגערלעך — (זײַן נאָמען,
דוכט זיך מיר, שה"י־פּה"י)

אָפּגעשטעלט די צײַט: ניט פֿלי!
פֿרייִ זיך און זאָג: אָמן!

— פֿאַר דײַן רעדע דיר אַ דאַנק!
(זאָגט דער קלײנער װײזער) אָבער הער:
שריט בײַ שריט און שװער
איז מײַן גאַנג,
נאָר צו גוטן, יאָ, צו גוטן!
איך װײַז שעהן, דו מינוטן!

## די בויך־סברה

קײַלעכדיקער בויך, —
ניט דער טרעלבויך פון ר׳ חנא־חײַקל
נאָר דער קלעזמער־בויך, דאָס פײַקל,
באַרעבאַנעט הויך, מיט זיכערקײַט, אַ סברה:
וואָס הייסט קול? איך זאָג
קול איז — טאָג!

טעג פאַראַנען ווײַסע, קלאָרע
און דאָס ליכטיקײַט סע גייט!
גיסט זיך ווי די קולות פון אַ פלייט
ווייך און גלאַטיק, וואַרעם און באַהאַרצט.
און סע גיט זיך אוים אַ טאָג פאַרכמורעט און פאַרשוואַרצט,
ברוגז־ברומענדיק און נאַס,
ווי דאָס וואָרטשען פונעם באַס.
ווידער מאַכט זיך טעג פון שרײַערישן ליכט,
וואָס סע שטראָמט געדיכט
ווי די געמבע פון טראָמפּייט,
און אַז גאָט פאַרגלוסט זיך (זאָל ער מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד!)
שענקט ער טעג ניט טונקלע און ניט העלע,
נאָר אַזוי זיך קוויטיק־געלע
ווי דאָס רימפּלען פון אַ שברי־כּלי,
ניט אַהין און ניט אַהער...
איצטער לאָמיר אָקאָרשט טון אַ קלער
וואָס בכלל איז טאָג:

טאָג איז פּלאָג,
אַי שבתים, ימים־טובים?
האָט אַ קבצן רייכע קרובים!
(דאָס דעם בדחנס איז אַ זאָג)
הייסט עס: קול איז טאָג.
און טאָג איז פּלאָג,
פּלאָג איז שטראָף.
שטראָפן קומט די שאָף
ווײַל זיי קײַען גראָז אום תשעה־באב
און זיי טראָגן הערנער ווי דער טײַוול;
דאָס די מעשׂה: ווי אַ פּאַסטעך — שפּילט ער אויף אַ פֿײַפֿל.

# דאס קנעפּל און די פּעטעלקע

זים די ליבע, שמעקט ווי עפּל.
קומט דער פינגער, פיקט אין קנעפּל:
„עפּעס ביסטו, ברודערל, מיט דער פּעטעלקע
גאָר אַ גאַנצער שמעלקע.
ווער אַ שטייגער, טשעפּעט זיך צו ווּעמען?
זאָג, ניטאָ זיך וואָס צו שעמען!..״

— ווער? פאַרשטייט זיך: זי צו מיר!
הענגט זיך אָן מיר אויפן האַלדז,
נעמט אַרום מיך... לאָזט ניט אָפּ מיך אַלץ.
הערסטו, בלייַבן זאָל עס, פריַינט, באַ דיר:
מיר שוין, כ׳לעבן, נמאס... אַלצדינג האָט אַ שיִעור!

— נמאס? (טוט אַ כאַפּ זיך די פּעטעלקע) נמאס?
ניין, זי וועט ניט שוויַיגן! זי מוז
אים שוין וויַיזן! אומדערהערט! געמיין!
איז
איר אַ נכנע, קריכט אין די גרגרת
און צום סוף גאָר מאַכט ער אָנשטעל, קרומער חן!
זאָל ער גיין!
זאָל ער וואַרטן ביז זי וועט אים רופן!

—ק—ק—קוק! פאַר כּעס דאָס קנעפּל זיך צעהיקעט אַזש מיט
אַכצן קופּן.

איך אַ נכנע! וועמען? איר גאָר? אַ מציאה!
וואַרגט מיך... אויפן האַלדז אַ תליה מיר, אַ תליה
און זי מיינט נאָך, איך וועל רופן זי!
גיי, ווער דאַרף דיך? גיי דיר! פלי! —

— פליִען? אוי וואָלט ער געפלויגן! שוין! די שעה!
איז ער אָבער צוגעבונדן דאָ.
צוגעבונדן? צו וועמען? שדים ווייסן, שדים!
עפּעס בינדן אים דאָ פעדים!
עפּעס האַלט אים צו! —
קנעפּלעך האָבן ליב די אַלטע רו...
קנעפּלעך קנעפּלען זיך, אַבי זאָל זײַן נאָר ווו.
בעט זיך קנעפּל מיט פּעטעלקע איבער.
ווידער „ליבע", ווידער „ליבער",
און מע נעמט אַרום זיך, און מע האַלדזט זיך ווידער,
ווי סע שטייט געשריבן בײַ די דיכטערס אין די לידער.

# די קליידערשאַפע

דאָס אַן אַלטע זאַך, ניטאָ שוין וואָס צו קלערן:
אַלצדינג רעדט! מע דאַרף נאָר קענען הערן.
און אַז שווער דײַן אויער,
נעם אַן עקבערל און בויער!
נאָכדעם צו דער טיר פון שאַפע לייג אים צו,
אָט אַזוי ווי איך אַ שטייגער טו,
וועסטו הערן שיינם: מע רעדט!
(גאָט מיט דיר! חלילה ניט קיין שד!) —
די מלבושים ברוגז: — מ׳האָט אין תפיסה זיי פאַרשפּאַרט.
וואָלטן זיי געוווּסט פאַרוואָס כאָטש, וואָלט עס ניט געאַרט.

— אַז מע שטראָפט איז ניט אומזיסט!
וויים און קען זיך ווער דו ביסט!
(די קאַפּאָטע רעדט, די זײַדענע, די פרומע)
זעט דאָס קורצע ווייטיקל! עס שטעקט אין אים די טומאה!
און דאָס רויטע העמדל מיטן ספּראָנטשיקל אין מיטן!
און דאָס סאַמעט קליידל, וואָס באַם העלדזל אויסגעשניטן!
חוצפּה און הפקרות!

— מעגלעך, יאָ, גערעכט זענט איר!
אָבער, אַז מ׳זוכט עבירות,
שאַט ניט, כ׳לעבן, זיך אַ טאַפּ טון פריִער:
ניט פאַרבליבן עפּעס פון די ראש־השנה־תשליך!
(זאָגן די לאַקירענע קאַמאַשלעך)

טוט אַ טאַפּ, זײַט־מוחל! אָבער גיך!

— דו אַזוינער, דו אַזעלכער! איך?!

— לאָזט געמאַך! הערט בעסער מיך!
(בעט זיך אַ זײַדן העמדל) קריגערײַען אַן אַן עק
און פֿון אמת מיר אַוועק!

— שאַט! לאָזט רעדן! שרײַט דאָס וועסטל.
זאָג מיר העמדעלע, פֿאַרוואָס פֿאַרשלאָסן איך אין קעסטל?
אָט אין דעם אָ, אין דער פֿינצטער?!
זאָג, פֿאַראַן אויף מיר אַ פֿלעק אַ מינדסטער?

— און אַז יאָ? גלײַך וויניק אויף דער פֿרײַ דאָרט
שמוציקע און מיאוסע!
און פֿאַרוואָס גראָד אונדז פֿאַרשלאָסן דאָ אין תּפֿיסה?

— יאָ, נו, דאָס צו וויסן בין איך אויסן!

— נײַ און יומטובדיק מיר פֿאַרן דרויסן!

## יאָסל סטאָליער

גוטע מענטשן, ווײלע!
האָט רחמנות! אונדזער טיש אַ חולה!
אײַנגעצויגן, לא עליכם, אים אַ פיסל,
הוידעט זיך אַביסל,
און אַ טיש איז דאָך געגליכן צו אַ מענטש, געדענקט!
אַז אַ מענטש, חלילה, קרענקט
שיקט מען נאָכן רופא, און ער ברענגט
די רפואה, אָדער,
אויב עס שלאָגט זיך נאָך אַן אָדער,
הײסט ער בעטן רחמים...
און אַ טיש קען העלפן נאָר ר׳ יאָסל סטאָליער.
מיט זײַן זעג און היבל שפּילט די ראָל ער
פונעם רופא חיים-נחמן
מיט זײַן שער, זײַן רערל און זײַן שפּריצער.

קיצור,
קומט ר׳ יאָסל
(צווישן אַלע שנײַדערס וואָלט געווען ער גאָר דער בעסטער שוסטער).
שמעקט ער טאַבאַק, הוסט ער,
און דאָס פּנים ווערט אים שטרענגער.
זאָגט דער דאָקטאָר יאָסל:
אַ פאַרדראָסל,
ווען אײן פיסל לענגער,
וואָלט די אָפּעראַציע דאָך צוגעגאַנגען גרינגער.

מיטן קוק וואָלט איך געמאַכט זי, מיטן מינדסטן פינגער,
איצטער... עט! ניטאָ קיין עצה... סײַדן
שנײַדן,
קירצן יענע... אַלע פיסלעך דרײַ...
און ער וואַרט ניט: איינס און צוויי אַ שפּײַ
אין דער האַנט, און זעגט.
שרײַט דער טיש: געוואַלד! ווער הערט אים דען? ווער פרעגט?
(שוטה, ווייסט ניט אַז אַ סטאָליער גלײַכט אַ פיסל,
מוז מען לײַדן, טוט עס ווי אַ ביסל)...
און בפירוש ניט אומזיסט דער טיש געליטן,
אַ רפואה! ס'קראַנקע פיסל גלײַך צום צווייטן און צום דריטן;
שלעכט נאָר וואָס דאָס פערטע צו פאַרשניטן!
ס'טרעפט זיך — בּאַ אַ פאַרטאַטש אָפט, ביי יאָסלען איינמאָל
אין אַ שמיטה!
נו, פאַרפאַלן! מילא... ס'פאַלן נאָך ניט אום די ווענט...
נאָר וואָס טוט מען? אפשר אונטערלייגן גאָר די הענט
צי אַ סידור?
שנײַדט ער ווידער
ס'ערשטע, צווייטע, דריטע,

ערשט — דאָס צווייטע הינקט!
יאָסל פון די כלים אַזש ער שפּרינגט!
דאָך פאַרלירט ער ניט קיין צײַט,
זעגט ער נאָכאַמאָל און שנײַדט,
נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַהין, אַהער —
סטאָפּ! ניטאָ שוין וואָס צו שנײַדן מער,
שטייט ער, יאָסל, און באַטראַכט, צעפּירט די הענט:
טאַ!.. איך מײַנס געטאָן... בעסער העלפן זיך שוין ניט געקענט!..

## ר׳ שעפּסל־שנעפּסל

ווּהין פאָרט אַ יידל?
אויפן יאַרמאָליניצער יְרידל!
יאַרמאָליניצער יְרידל פאַלט דאָך אוים נאָך שבועות,
צײַט שוין עס זאָל שיין זײַן. ניין! איז לייגט זיך אוים אַ בלאָטע,
און דער רעגן גיסט און טראַכט ניט אויפצוהערן לעת־עתּה.
וואָס־זשע טוט מען? זיצן וואַרטן אויף ישועות?
דינגט ר׳ יידל זיך אַ בעל־עגלה און ער האָט מיט אים אַ שמועס,
קורץ און שאַרף: פאַרשווינען איינער, ער אַליין,
פערדלעך דרײַ;
לײַטערט אוים זיך אָדער ניין,
פאָרן פאָרט ער סײַ ווי סײַ!

מאָרגן פאַר דער טיר זיך אָפּגעשטעלט דער בעל־עגלה
(ער געהייסן שעפּסל,
כאָטש גערופן חברה אים ר׳ שנעפּסל;
און אַז חברה אים אַזוי גערופן,
מיינט איר דאָך, געווען ער שטענדיק מלא?
הם מלהזכיר! שיכּור ניט, אַזוי זיך בגילופין)
קומט אַרוים ר׳ יידל, טוט אַ קוק און ווערט רציחה:
„סטײַטש! לא די
פערד נאָר צוויי — פאַרשווינען דרײַ?!”
שמייכלט שעפּסל: „נו, ר׳ יידל, אײַך ניט ניחא?
שוין צעבייזערט זיך? אהאַ!
זאָגט, איך בעט אײַך, זאָגט פאַרקערט:

בילכער ווער איז? מענטש צי פערד?
מענטש! אהא! א יאָ?
הײַנט, אז איך געבראַכט אים מענטשן במקום פערד,
האָט ער טענות גאָר! איר הערט?"
וואָס-זשע זאָל ר׳ יידל טון? ער טוט א שמייכל
און ער ענטפערט: „על-פּי שׂכל
אַלצדינג כּשר, רעכט און קיין חסרון;
אָבער שׂונאים זאָלן מיט דיר פאָרן!"

# ר׳ עקיבא און דער בער

וויסן, ווייסט איר דאָך מסתּם שוין, ליבע קינדער,
אַז דער גרויסער ר׳ עקיבא בחורווײַז געפּיטערט שאָף און רינדער,
נאָר נאָך דעמלט ער געווען שוין — ער,
און ווי מיט די שאָף זיך דורכגערעדט אפילו מיטן בער.
גייט אַ משל אום פון דעמלט ביז אַהער:

איינמאָל ווען די הימלען שפּאַלטן זיך הושענה־רבה,
שלאָפן זיך געלייגט דער בער ר׳ אַבא.
קומט צו חלום אים זײַן פרומע באָבע,
נעמט אַרום אים, האַלדזט אים, גלעט,
האָניק רינט פון מויל איר און זי רעדט:
גיי, מײַן קינד, צום פּאַסטעכל עקיבא,
זאָג אים: דו גיי לערן זיך אין דער ישיבה,
איך פאַר דיך וועל פּיטערן די שאָף,
וועסטו ווערן מיט דער צײַט אין וואַלד אויף מײַן אָרט רב,
עסן האָניק פון די בינשטאָקן פון גאָר דער סביבה.

כאַפּט זיך אויף דער בער און פונעם הימל דורכן שפּאַלט
נאָך סע קוקט צו אים דאָס גרויסע בער־געשטאַלט...
זעט ער דאָך באַשײַנפּערלעך דאָס איז מן השמים,
לאָזט ער זיך צום פּאַסטעך ראַפּטום אין איין אָטעם
און דערציילט דעם חלום אַקוראַט, מיט אַלע פּרטים,
זעצט אַנידער זיך, פרעגט אומגעדולדיק: נו, כּהיום? —
זאָגט עקיבא: אַבאַ, אַבאַ!

מײַן באָבע אין גן־עדן זיך בשלום,
דײַנע גײט גאָר אום צו חלום!
טראָג־זשע אָפּ זיך! זאָג דײַן באָבען:
וואָס נאָך ניט געחלומט זיך עקיבאן, זאָל ניט חלומען זיך אבאן!

# שמעקנדיקע פיש

ערגעצוווּ אין אַן אַכסניה
סוחרים צוויי פאַרפאָרן,
איינער הרן
און דער אַנדערער חנינה.
נו, דערלאַנגט צום טיש
די באַלבאָסטע שמעקנדיקע פיש.
— עסן, זאָגט זי, מעג די פיש דער קיסר! —
פעפער, צימרינג, נעגעלעך און פיש־יויך הייסע —
קיין קאַטאָוועס!

— הערסט, חנינה, וואָס איך וועל דיר זאָגן גאָר... מחשבות...
עפּעס האָב איך אויף די פיש אַ חשד,
(הרן רוימט אים איַין בסוד)
שמעקן עפּעס זער!

— הער נאָר, הער!
אַ חסרון וואָס די כּלה איז צו שיין?
מיינסט באמת, הרן?
ווילסט ניט עסן? לעבן זאָלסטו מתושלחס יאָרן! —
און חנינה עסט די פיש אַליין.
עסט, פאַרטרינקט אַ גלעזל
און ער וויצלט זיך: לחיים, אייזל!

אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, געלייגט זיך שלאָפן,

חלומט זיך חנינהן אַ משונה חלום:
ס׳לעבן ניט די פּיש אין בויך בשלום;
אַ מחלוקת: איבער בראָנפן מאַכט מען שהכּל צי הגפן?
דאָס מחלוקת אונדזער אורח
אָפּגעקאָסט אַ ממון קורח,
און געמאָלט —
שיעור ניט מיטן לעבן ער באַצאָלט,
איז אַרוים נאָך ווי אַ קיסר.
נאָר פון דעמלט אַ געניטער שוין, אַ ווייסער,
היט זיך, מאַכט ער מיטן פינגער: זײַ קיין טיפּש!
אונטער נעגעלעך און פּעפּערלעך באַהאַלט זיך אוים דער עיפּוש!

# חלבנה

ס'איז אַ סברה,
צי מיר דאַכט זיך ערגעץ גאָר אין דער גמרא
האָב איך עס אַמאָל געזען,
אַז דער חלבנה פון די קטורת איז געווען,
ווייסט איר וואָס? איך שעם זיך גאָר צו זאָגן אײַך אפילו
סײַדן אויפן אויער: טײַבלסקויט, מחילה!
ס'איז אַ מעשׂה פון צוריק מיט דורות,
איך בין ניט געווען דערבײַ,
נאָר דעם משל מעגט איר הערן סײַ־ווי־סײַ.
דאַרפֿ'ן הייסט עס טײַבלסקויט, להבדיל, צו די קטורת,
טײַבלסקויט איז טײַבלסקויט.
צווישן גוטע בשׂמים מעג דאָס אויך זײַן פֿאַר אַ נויט.
שיקט מען צו דער טויב גיך אַ שליח
און ער זאָגט איר: סערדצע! זײַ זיך נאָר מטריח,
גיב אַביסל חלבנה, עס זאָגן די חכמים:
מ'דאַרף דאָס צו די בשׂמים...
— מהיכא תיתי, זאָגט זי, מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן!
נאָר איך וויל פֿאַר דעם אַ זיסן קניש
פונעם מלכס טיש!
— וואָס? האָט דער שליח אויסגעשריגן:
האָסט פֿאַר גאָט קיין מורא?
חלבנה איז ניט קיין בשׂמים פון מרחקים!
— ווייס איך? זאָגט די טויב, אַז טײַבלסקויט איז אויך אַ סחורה —
צאָל פֿאַר איר ממתקים!..

# דאָס לובלינער פּעסל

מיר דערציילט דאָס משל האָט מײַן עלטער-זיידע,
אים דער דובנער מגיד — מיִען זאָלן זיי זיך ביידע.
ר׳ גדליה אָקסן-סוחר איז געקומען פֿון לובלין
(אַלע יאָר פֿלעג פֿאָרן ער אַהין)
און געבראַכט מיט זיך אַ פּלאַ,
עפּעס אַ מין געלע
כּלי,
אַ נײַמאָדנע — כאַפּט דעם אָנבליק פֿון דער מומע פּעסל:
בײַכיק, ווי אַ קליינטשיק פּעסל,
אויפֿן העלדזעלע אַ קעפּל מיט אַ שופֿר-נעזל,
און מע זאָגט גאָר: מיט אַ בלאָזאַק אַז מע פּאָכט אויף אים, מע פּאָכט,
זידט עס ווי די מומע פּעסל און סע קאָכט,
און עס צאַפּט זיך פֿון אים וואַרעמס אין אַ גלעזל.
וואָס אַ וועלט באַקלערט!
בנאמנות, ס׳גייען אום מלאָכים הײַנט אויף דר׳ערד!

אויף חידושים זיך צונויפֿגעלאָפֿן אַלע שכנים.
נעמט אַליין גדליה — ער פֿאַרלאָזט זיך ניט אויף קיינעם,
ניט אויף זײַן משרת, ניט אַפֿילו אויף זײַן טאָכטער,
ער אַליין נאָר מיטן בלאָזאַק פּאָכט ער.
פּאָכט באַלבאַטיש, פֿײַן, ניט שטאַרק, ניט שוואַך
(ניט קיין קליינִיקייט, די מאָס צו כאַפּן בײַ אַ יעדער זאַך —
„כאַפּ ניט איבער!״ שטייט אין פּרק).
פּאָכט ער, און אַרום אַ רעדל שטייט אַ ראָד נײַגעריק:

אָט—אָט—אָ! אַ נס געשען!..
נאָר אומזיסט! ניטאָ נאָך וואָס צו זען.
קלערט גדליה, לייגט צום שטערן צו אַ פינגער.
אפשר פרוּוון גרינגער?..
ניין און ניין! עס וויל ניט קאָכן!

— לאָזט, זײַט מוחל, ר׳ גדליה, מיך!
(זאָגט אַ שכן) פאָכן דאַרף מען שטאַרקער, גיך!
און ר׳ גדליה הויבט אָן פאָכן,
בלאָזן,
שטאַרקער, שטאַרקער מיט אַן אימפּעט, אַ ירגזון.
ווייס איך וואָס! דאָס פּעסל טוּט ווי אַלע טויטע.
און קיין חידוש ניט: פאַרגעסן אונדזער שוטה
אין לובלין צו פרעגן,
צי מען דאַרף אין פּעסל פײַער לייגן.

*

און פאַרבליבן איז אַ מאמר
פונעם מגיד, וואָס מ׳רופט אים „פּטיש חזק״
(הייסן הייסט עס: שטאַרקער האַמער):
איז ניטאָ קיין פינקל — וואַרף אַוועק דעם בלאָזאַק!

## דער ווונטש

— קום מײַן טײַבעלע, די רויטע פיסלעך דײַנע,
דינינקע און פײַנע,
אויף מײַן רוקן זאָלן טרעטן!
כ'וועל אַ נכנע זײַן דיר, טון דײַן ווילן איידער דו וועסט זאָגן,
איך דיך אין עק־וועלטן טראָגן,
און אַ חוץ
אַלע מײַנע אוצרות דיר און אַלדאָס גוטס!
(פֿאַר דער טויב דער חזיר זיך געבעטן)

— גורר! חזירישע עולם־הזה!
זי אַ וואָרקע און אַוועק. (אַ העזה!)

טאָמער ווייניק, טראַגט עס אָן די קראָ
און זי רייצט אים: — וואָס טויג מזל, אַז קיין שׂכל, אוי, ניטאָ?
וואָס געטראַכט זיך? פֿון דער טויב וועט חזיר ווערן שיין?
— ניין!
(שרײַט דער חזיר) אַ קאַפּריז:
חזיר וויל, די טויב פֿון אים זאָל ווערן מיאוס!

# אַ שמועס

— האַרציק־זיסער פּאַטער!
זאָגט דער הונט צום קאָטער.
איר געהערט? מע שמועסט, אַ ניט־גוטער
אויפגעגעסן הײַנט אין קעלערל די פּוטער!
— מיִאַ, זאָגט דער קאָטער, וואָס־זשע אַרט עס מיך?
— אָבער, יאָ... געהערט אונטער דער טיר:
דער ניט־גוטער — דאָס זענט איר!
— וואָס־זשע אַרט עס, כּלבֿ, דיך?

# דער פּאַפּאַגײַ

ניין! קיין זאַך ניט שווער, אַבי ס'איז נאָר דאָ ווילן!
איינמאָל פּאַפּוס פּאַפּאַגײַ זיך אויסגעלערנט בילן
און גענומען צו דער דער אַרבעט זיך: אַ שאָרך, אַ ריר
קוים געטאָן אין פּאָדערהײַזל באַ דער טיר,
ניט קיין נפקא-מינה ווער: אַ שכן, אַ בן-בית,
דער באַלבאָס אפילו — באַלד אַ האַווקערײַ איז:
האַוו-האַוו-האַוו און האַוו-האַוו-האַוו!
ביז ער ווערט ניט מיד איז נעמט קיין סוף!
און נאָך וואָס? נו פּרעגט בחרם!
גלײַך געדונגען, גלײַך געבעטן ווער אים!
קאָמיש!.. און עס קאָסט דאָך, דוכט זיך מיר, געזונט!
ניין! קיין קלייניקײַט ניט, אַז אַ פויגל ווערט אַ הונט!
עפּעס איז דאָס האַווקען פויגלדיק! משונה ווילד! —
איינמאָל זיך דער פּאַפּאַגײַ צעבילט,
נאָך אים יָקטן
אויך אַרוים מיט צינגעלע געטאָקטן.
(כאָטש אַ שנעקל — ווייסט שוין דווקא:
בילן הינט, טו איך אַ האַווקע!)
נאָך אַ וווּנדער! ר' פדהצור, דער קודלאַטער, דער בעל כעסן,
ער, דער אַלטער כלב, ליגט זיך שטיל, געלאַסן!
ניט זײַן עסק! האָט זיך צײַט לעת-עתה.
— טאַטע, האַווקעט יקטן, טאַטע!
נו וואָס שווײַגסטו? הערסט ניט? אַ געביל!
— שטיל! צעבייזערט זיך פדהצור, שטיל!

דאָ ליג, שרײַט ער, דאָ בײַם טויער!
און ער שלעפּט דאָס זונדעלע בײַם אויער.
אַזאַ װעװוריק! זיך צעהאַװוקעט! אפשר װײסטו װאָס!
קוקט אויף יענעם פּיקהאָלץ מיט דער קרומער נאָז!
זאָלסט אויף אים נישט קוקן! הערסט? צו געטרײַ ער!
פּע! אַ נאָכגעמאַכטער הונט, אַ פּאַפּאַגײַ ער!

# אַ שׂכל פון אַ פליג

בײַ די בינען, ווײס׳מיר, אין געווײסע טעג
אַ מהומה, אַ געשלעג,
און ס׳גײען, גאַנץ באַהיט, רציחות און הריגות.
אײנמאָל האָט באַמערקט אַ פליג עס
און זי זאָגט דער גיפטיקער חבריא:

„קלערט מיך אויף, איר אַרבעטאָרער געטרײַע,
וואָס געפונען פלוצים איר אַן אַרבעט זיך אַ שײנע,
ממיתן זיך אויף סכּנות?
ווי מ׳האָט עס ניט אויף זיך אַלײן רחמנות!
גלײַך מ׳לעבט צופיל! מ׳שטײנם געזאָגט, מה אנו, מה חיינו?
זום — זום — זום און אוים! איז היט דאָס שטיקל לעבן, היט עס!
נײן, מע מאַכט אויף זיך אַלײן גאָר שחיטות!
ניט קײן רײנע זאַך דאָס, בנאמנות!"

„ווײס איך, זאָגט די בין, עס פּיקט מיך אויך די שאלה.
שטאַרבן קײנמאָל שפּעט, און לעבן וויל׳מיר אַלע!
נאָר וואָס דען? איך ווײס? מע זאָגט, אַ טובה פאַרן כּלל,
ס׳איז אַ מוז, אין בינשטאָק ענג!
און דערצו דאַרפסט ווײסן, ברודער, אַז בכלל
אײַנגעפירט באַ אונדז אין בינשטאָק שטרענג;
ניט ווי פליגן הפקר אונדזער פאָלק,
אָן אַן אויבערהאַר חלילה! דיסציפּלין!
אַ באַפעל פון אונדזער מלכּה גינגאָלד־גין —

און דער גאַנצער בינשטאָק אין איין קול: איך פֿאָלג!
און מ׳גייט! אויף לעבן און אויף טויט! מע פֿרעגט ניט איבער!״
„טאַקע, נו?״ „אַזוי, אַזוי, מײַן ליבער!״

„זאָ—זאָ—זאָ (זיך קראַצט דאָס פֿליגל
מיט אַן אונטערשטן פֿיסל אין אַ פֿליגל)
וואַרט, זײַט מוחל, וואַרט נאָר! איך פֿאַרשטיי ניט, ניין!
כּלל — מסירת־נפֿש — אָרדענונג — זער שיין!
אָבער וואָס אַ יעדער גאָר אויף יענעם נאָר? לאָ די אײַך
קיצור ימים, פֿעלט נאָך מערדערײַ אײַך?
איז שוין הרגענען, איז נעמט און הרגעט יעדער זיך אַליין!
גלײַכער! אי דעם כּלל געזונט, אי פֿאַרן הימל ריין!

## דער פּאָלאָניק

הערט אַ קול ווי פונעם נאָפּל.
דער פּאָלאָניק רעדט צו לעפּל־גאָפּל:
אַז די דינסט אַ שלימזלניצע, איז וואָס הארט מיך עס?
ניט מיַין עסק!
נאָר וואָס־דען־זשע? אַז די יויך איז כּצפּיחית
ווי אַ שקראַב אין עסיק,
מוז בײַם טיש איך שרײַען: מאַליע!
מאַליע מאַכט אינגאַנצן קאַליע!
איר פאַרשטייט: דעם אמת מוז איך זאָגן!
אמת, קינדערלעך, בײַ מיר ווי ווײַן בײַם שיכּור!
מעג אפילו מאַליע רײַסן פון מיר שטיקער,
נעמען נאָכדעם פוצן, רײַסן אַזש ס'זאָל נאָגן,
מאַכט ניט אוים בײַ מיר, פאַר ליב איך נעם עס!
פאַרן אמת!.. פאַרן אמת!..

— דאָס איז, מאָל דיר, ערשט אַ שאלה!
(זאָגט אַ גאָפּעלע מיט שאַרפע ציינדלעך)
וועגן אמת רעדן אַלע,
און דערבײַ זיך יעדער זײַנע מיינדלעך.
דו וואָס מיינסטו: אמת? פוסטע ניסעלעך!
ליב דו צו צעטראָגן אַלץ אויף טעלערלעך און שיסעלעך!

# אויפן פּאָלומעסיק

אַ פּאָלומעסיק אַ ברייטער אויפן טיש,
אין פּאָלומעסיק אַ פיש.
און אַ ווונדער:
כאַטש דער קאָפּ, דער בויך, דער עק באַזונדער,
צווישן זיך אויף שטום־לשון די שטיקער רעדן
(אויף דעם לשון רעדט זיך איבער נאַכט מיט נאַכט,
ניט קיין קול און ניט קיין וואָרט, דערגייט עס דאָך צו יעדן,
ווער עס פלאַפּלט ווייניקער און מערער טראַכט)
— ווער, נאַכוואָס אַהערצו מיך געבראַכט?
(פרעגט דער קאָפּ אַן אַלטע קשיא)
און פונוואַנען גיי איך און וווהין?

— שאַ!..
ניט כּדאי צו פרעגן שאלות פון דעם מין,
(שטילט אים איַין דער פעטער בויך)
נאָר, אויף אַלע קשיות זוך אַ תּירוץ דיר אין ביסל יויך.

— איך זאָג אויך דאָס אייגענע, איך אויך.
(מיט אַ חשיבות מסכּים איז דער ברייטער עק.
ניט קיין גרויסער חרוץ,
אָבער וואָנצעס ווי אַ שלאַכטשיץ, ווי אַ פּוילישער גרויספּריץ).
ביזטו אין פּאָלומעסיק, איז פילאָזאָפיִעס אַוועק!
און כּל זמן פאַראַן אַביסל פישיויך, כאַפּ אַ לעק!

— אַך, וואָס רעדט איר? עס פאַרפעלט דאָך אָטעם, ענג דאָ, ענג!
עפּעס דאַכט זיך מיר... ווי דורך אַ חלום איך געדענק...
עך! אַמאָל געווען און הײַנט ניטאָ שוין...
— וואָס? גיב לשון!
(שרײַט דער עק)
— יאָ, אַ שיסל ערגעצוווּ פאַראַן... אַ שיסל אָן אַ ברעג.
דאָרט ניטאָ קיין איך און דו... ניטאָ קיין טרוקעניש.
איך און דו און ער איין גאַנצקײַט דאָרט... איין פיש...
און אינאײנעם שווימען מיר אין פּישויך, צאַפּלענדיק פאַר פרייד,
איר פאַרשטייט, דאָס, ברודער, איר פאַרשטייט?
— וואָס דאָ צו פאַרשטיין דען (זאָגט דער בויך), פאַרשטייט זיך,
ביזט אַ לעקיש!
— יע, (גיט צו דער עק און שמייכלט עקיש)
ווען אין קאָפּ אַ טראָפּן שׂכל כאָטש פאַראַנען,
וואָלט דאָך אים דער בויך פאַרשטאַנען.

# די קאַץ אין שפּאַניע

צוגעגעסן זיך דער קאַץ דאָס לחמא-עניא,
וואָס אין קיך עס וואַרפט איר צו דאָרט חיה-מאַניע,
און אַוועק זי אַזש קיין שפּאַניע.
וואָס עפּעס קיין שפּאַניע? — איר דערציילט אַן אַלטע פּיצעריצע,
אַז געהערט זי פון אַן אַלטער סאַלאַמאַנדרע,
די צדיקת, טאָכטער פון דער פרומער אינקוויזיציע:
שפּאַניע איז אַ הייליק לאַנד, מנהגים דאָרטן אַנדערע,
דאָרט געבראָטנס דאַרף מען זיך פאַר געלט ניט קויפן,
אין די גאַסן בראָט זיך אויף אַ שײַטער-הויפן!
און כּל דכפין — ייתי!
ווילסט געבראָטנס — מהיכי-תיתי!
עס און זאָל דיר ווויל באַקומען!
און מע וויל פון דיר ניט גאָרניט נאָר אַ קלייניקייט:
וואַש זיך, בענטש מזומן,
זאָג אַ לויב צו דער דרײַאייניקייט,
קודשא בריך הוא ושכינתיה,
און זייער זון, דער גואל, דער משיח!
טראָגט די קאַץ זיך איבער פעלדער-וועלדער ווײַסע און צעגרינטע.
און זי האַלט אין איין מיִאַקען: מי—מי—מי—עך!
הייסן הייסט עס: מיך האָט דאָרט אין זינען, מי—עך!
וואַרט! אָט קום איך שוין! אָט פלי איך!
און זי פליט... סע פליט אויך איר געדאַנק!
אָט אַ רוט זי אויף אַ ווייכער באַנק,
ס'קאָצל קומטס, סע שיטן זיך אויף איר אַ רעגן

און מע טראָגט איר פּופּיקלעך און לעבערלעך אַקעגן!
און מע שטופּט זיך און מע האַלט זי אין איין פרעגן:
איז אײַך נאָך דער היים ניט באַנג?"
„ווי געוועזן דער וועג אײַך?" און דער וועג — אוי וויי! — איז לאַנג!
ערגער! לענגער נאָך פון לאַנג... ויהי מקץ
אַז די קאַץ אַמאָל שוין אָנגעקומען הונגעריק און קראַנק,
ערשט אַ נײַע נײַעס: שפּאַניע האָט זיך אירע קעץ
און זיי דרייען אויך זיך אום דאָרט שלינג און שלאַנג!

## צווײ קעצלעך

ניט קײן דימענט קיצי,
נאָר איר שוועסטער מיצי
שטײט ניט אָפּ, נישקשה אויך אַ שלאַק!
און מע לעבט אינאײנעם ווי אין אײן פאַרמאַכטן זאַק.

אײנמאָל נאָכן עסן
מיצי אויף דער זון געזעסן,
זיך געוואַרעמט, מיטן צינגעלע געלעקט זיך,
און אין הערצל עפּעס וואַרעמס זיך געוועקט זיך.
קומט אָן קיצי, לאַנטשעט זיך און שטרעקט זיך:
— לאָמיר, זאָגט זי, שוועסטער, זיך אַמאָל שוין איבערבעטן!
אײביק קאָן מען דאָך אויף שטעכעדיקס ניט טרעטן!
כ׳לעבן, אַז מע האָט זיך ליב, איז אַנדערש שײַנט די וועלט דיר.
נו־זשע, שוועסטער, וואָס געווען — געוועזן!
אויף אַלע פוסטע וועלדער!
און פון הײַנט אַ לעבן ווי אין פוטער!

— אָמן! ענטפערט מיצי, אין אַ שעה אַ גוטער!
לאַנג געזאָגט איך: קריגערײַ צו מיסט גלײַך! —
און מ׳נעמט אַרום זיך און מ׳קושט זיך אין די פּיסקלעך
און מ׳זעצט זיך פלאַפּלען, ווי געווײנלעך שוועסטער.
מ׳באַרעדט די דינסט: אַ חצופה, אַ מרשעת!
ווײ, ווײ, אַז זי קומט אין כּעס!
און דעם שכנס הונט — זיך אַנגעדונגען דאָ אויף קעסט ער!

קריכט אין קיך גאָר! טראָגט אַרוים דעם בעסטן ביסן!
אוי, האָט גיטל מיטן בעזעם נעכטן אים געשמיסן!
און ר׳ המן — איינמאָל דאָס אַ הונט מיט אויערן!
ווי דער מאַמעס בויך... אַזוינס געבוירן!
— שאַ נאַר, כאַפּט זיך מיצי, שיר פון קאָפּ פאַרלוירן!
הײַנט אונדזער געבורטסטאָג דאָך! וואָס ווינטשסטו,
שוועסטער מיר צו?
— כ׳ויים? זאָגט קיצי, נו און דו
וואָס, אַ שטייגער, ווינטשעוועסטו מיר?
— ברכות, שוועסטער, האָבן דען אַ שיעור?
ווייסטו וואָס? איך ווינטש דיר: וואָס ווילסט זען אין מיר,
זאָל עס אָנגיין, זיסע שוועסטער, דיר!
— שטום, דו חצופה! שוין, דו הייבסט שוין אָן?
אויג פאַר אויג און צאָן פאַר צאָן! —
זיך צעקוויטשעט קיצי, גלײַך מיט הייסן אָפּגעבריט זי
און אין מיצים פּנים מיט די נעגל פליט זי.
שוין! זיי קריגן ווידער זיך, מיִאַקען, שעלטן זיך אין טאַטן. —
זאָל עס פאַלן אויף די שטיינער, קיינעם זאָל ניט שאַטן!

# דער קאַטער און די בין

אַז אַ שיקסע דינט בײַם רב,
לערנט זי זיך אויך אוים פּסקענען אַ שאלה,
און וואָס דאַכט זיך איר אין שלאָף?
פאַר אַ חשוב בחורל זי ווערט אַ כּלה!
קענט איר אים דעם רבינס קאַטער?
קוקט: אַ זשופּעצע אַ סאַמעטענע האָט ער,
ווײַסע שיך־און־זאָקן טראָגט ער,
לשון־קודש־ווערטער בראָקט ער...
הײַנט זײַן כּשר פּעניצל...
און זײַן הוסטעלע... זיין געניצל —
אַ פּאַרשוין!
בנאמנות, נאָך אַביסל
מעג ער עסן מיטן רבין פון איין שיסל!
נאָך אַביסל? און ווער זאָגט עס, אַז ניט תּיכף? שוין?
ס׳שטייט בפּירוש דאָך: אם יום — יומיים,
אַז דו וועסט ניט כאַפּן, וועסטו בלײַבן אָן שיריים.
און ווי זאָגט עס די גמרא דאָרט? חטוף ואכול —
כאַפּ, אַז ס׳קומט אַ פּעטער בײַסן דיר צום מויל!
זאָג ניט: מאָרגן עס איך, מאָרגן קײַ איך...
און אַז די גמרא זאָגט, איז דאָך ניט שייך.
ווערט ער דען אַוועקקוקן, חלילה, אין דער זײַט,
ווען דער הייליקער פּאָלומעסיק, זאָל לעבן, שרײַט:
קוק אַהער, זײַ מוחל, זע אַ פיש!..

און דערצו אין קיך מחיה-שטיל, קיין נפש!..
ערשט אַ בין טראַגט-אָן דער רוח! ווי אָן אומעט
און אַ נודניצע אַזאַ; זי זשומעט, זשומעט:
רש-ש-שע! ז-ז-זולל וס-ם-סובא!
אי—וויי! אַי—וויי! אוי—וויי!
ז—ז—זעט נאָר וואָס דער ממזר טוט! —

בלינצלט ער, דער קאָטער מיט די אויגן, מיט די גרינע,
און ער רעדט גמרא-לשון: איסתרא בלגינא.
קוש, קוש ווי די יידעלעך גערוט!

— וואָס? וואָס בעבעט ער דאָרט: איסתרא—שמיסטרע?
(ווערט די זלידנע ביסטרע).
מיינסט, אַז רעדסט מיר לשון-קודש, האָב איך פאַר דיר מורא?
מיך וועסטו ניט שרעקן: אין בין פרומע-דבורה —
האָניק שטעל איך צו צום רבינס טיש
ראש-השנה צו דער היילקער „המוציא״!

— מיע!? די דבורה וואָס פאַר גאָט און לייט איז יוצא!?..
נאַ זשע דיר אַ ביינדל פונעם פיש!
שלינג אַראָפּ... זאָל ווויל באַקומען...
און אַן עק! הער אויף צו זשומען! —

האָסטו דיר ניט, נאַ דיר — הענדום-פענדום זיך
אַ לאָז אויף אים די בין.
— זייט-זשע מוחל, רוקט זיך! רוקט זיך!
לא מעוקצך, לא מדוקצך!
שרייט ער, פעכלט מיטן עק, אַהער, אַהין.
הערט דעם גראַגער המן? די מרשעת
דרייט זיך, וויקלט, וויקלט אַרום אים אַ זשומענדיקן כעס,

ביז זי לאָזט די גיפט... אי דאָס
ווי נאָך? אין שפּיץ נאָז!
און פאַרוואָס? געוואַלד פאַרוואָס?
ווײַל, זאָגט אַליין, צי דען דער קאָטער שולדיק? זאָגט אַליין:
קען דעם רבינס קאָטער קעגן דער גמרא גיין?

## צוויי קאָטערס

ווײַסער קאָטער מיטן שוואַרצן קאָטער זיך צעאַמפּערט.

— פּיפּערנאָטער! (שרײַט דער ווײַסער) ים־פערד!

בלינדע נאַכט! שוואַרציאַר!

גלײַכט זיך! וויל מיט מיר גאָר אומגעוואַשן

פון איין שיסל פּוטער נאַשן!

מיאַ, אַ זאַס! פרי׳ר וואַש אָפּ דאָס פּרצופּל דײַנס קלאָר!

ווילסט ניט? קענסט ניט? ביזט ניט חולה דו צו כאַפּן מײַז!

פּוטער ווילסטו? זײַ אַליין ווי פּוטער ווײַס,

ניט אַזאַ פאַרזעעניש, אַ שוואַרצס!

אינדעם יאָגט

אָן דער וואָלגער־האָלץ און זאָגט:

ווײַס דאָס פּנימל און שוואַרץ דאָס האַרץ!

ווער פון אײַך דער שוואַרצער, ווער דער ווײַסער,

ווייסט אײַך דער ניט גוטער!

ביידע אײַך — אַ קאָטאַ פון דער פּוטער!

# דער פוקס און דער וואָלף

דאַכט זיך מיר, דער פוקס, אין פלוג,
ניט קיין נאַר, מע זאָגט אפילו קלוג,
און זײַן פיסקעלע סע בוימלט:
פוטער־ווערטעלעך, כאַטש נעם און לעק!
נאָר דער קליגסטער פוקס האָט אויך אַ לאַנגן עק.
האָט דער וואָלף דעם פוקס, ווי זאָגט מען דאָס, באַכוימלט:
ווינטער־צייט אים אָפּגעשיקט צום טײַך
כאַפּן קאַרפּן מיטן עק.
שטעק אים, זאָגט דער וואָלף, אין אַ פּאָליאַנקע שטעק,
זיץ אַ שעהלע און צוויי, זיץ גלײַך,
רויִק און געדולדיק ניט אַ ריר זיך פונעם אָרט,
וועסטו האָבן גליק —
וועלן קאַרפּעלעך זיך אָנהענגען אין אים אַ טאַמעזוליק.
אַזש קיין כּוח דיר ניט קלעקן אים אַרויסצוציִען פון דאָרט!

און כּך הווה: טאַקע נעבעך ניט געקלעקט
מיטן עק אין טייַך ער שטעקט,
ערשט — וואָס זעט ער? — פֿאַרפֿרוירן מיט העק!
שלעפּט ער, ציט ער, רײַסט — אָן אומגליק: אָפּגעריסן זיך דער עק!
(אַז דער פראָסט דאָס אייז צונויפגעקאָוועט!)
וואַרט ער ניט דער חברה־מאַן אויף כּבוד,
פיס אויף פּלייצעס און אַהיים, אַהיים!
מיטן הינטן, מיטן ווייטיקדיקן זיך געזעצט אין קילן ליים,
און ער אויקעט און ער קרעכצט.

קומט דער וואָלף צוגיין — אַ כּשר לעמעלע,
אין די אויגן נאָר אַ מאָדנע פלעמעלע:
— נו, וואָס הערט זיך, ברודערל? געפאַנגען עפּעס רעכטס?
— יאָ געפאַנגען, ניט געפאַנגען,
דאָס איז סוף כּל סוף ניט וויכטיק,
עיקר, אין די אויגן מיר געוואָרן ליכטיק,
הערסט? אַ נײַע זון מיר אויפגעגאַנגען —
זיך געפּטרט פון מײַן חרפּה, פון מײַן עק.
ס'טוט אפילו מיר אַביסעלע נאָך ווי,
אָבער עט... אַ קלייניקייט... דאָס וועט אַוועק...
איצט דאַרף איך זיך נאָך צולערנען צו גיין אויף צוויי,
בין איך דאָך אַ מענטש, אַ מענטש מיטן פולן מויל,
און אַז גאָט מיר יאָ געהאָלפן, בין איך שוין ניט פויל,
לאָז אַוועק אין דאָרף זיך, בין אַ חשוב דאָרט, אַ גאַסט איך,
און איך שטעל זיך פאַר אַ פּאַסטעך...
רעדט אַזוי דאָס פּיקסל, זשמורעט איינס אַן אייגל
און דאָס צווייטע זיך פאַרקוקט אויף פייגל...

אויסער זיך דער וואָלף: ער וואָלט צעריסן זיך אויף שטיקלעך.
וואָס האָט ער דאָ אויפגעטאָן? צו וואָס געבראַכט?
ער דעם ממזר פאַר אַ פּאַסטעך גאָר געמאַכט!
אָפּגעטון אים... אים געמאַכט אומגליקלעך!..
טראָגט ער אָפּ זיך, קריצלט מיט די ציין,
לויפט אַוועק און קומט צו גיין,
דרייט זיך אום אַ נעבטיקער, אַהין, אַהער,
קורץ, ער קומט צום פוקס, און שטרעקט זיך אויס מיט אַ געבעט:
ברודער־לעבן, הער:
שווער דאָס טעלעבענדעכץ מיר דאָרט אונטן, שווער...
טו אַ טובהלע, באַפרײַ מיך... כאָטש דערמאָנט זיך שפּעט...
נאָר ווי זאָגט מען: בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל.

לאָזט דער מזיק זיך ניט בעטן צווייִמאָל:
אַך, צוליב אַ חבר, זאָגט ער, זאָלסט נאָר טײַרינקער, ניט שרײַען...
שרעק זיך ניט, איך מאַך עס אין איין הרף־עין...
אָפּגעפּאַרטיקט מיטן שטיקל אַרבעט, ערשט דער פוקס ער שלאָגט
זיך אין קאָפּ אַרײַן מיט בײדע לאַפּעס און ער זאָגט:
איצטער ווער דער חכם, ווער דער נאַר?
זים איז די נקמה... אמת... יאָ... דערפאַר אָבער... דערפאַר
זיבן מאָל מיר ביטערער, פון זיך אַליין ערשט איצטער שפּעט איך,
איך געלאָזט זיך פירן פון אַזאַ־אָ פּעטעך!

# די באַליידיקונג

קאַפּל פּיק
אויפגעכאַפּט זיך אויף אַ ציג
(נאָך אַ גליק
וואָס ניט אויפן קוימען, ניט אַוועקגעלאָזט זיך מיטן רויך...
אַזאַ מזיק ער געווען נאָך אין דער מאַמעס בויך!)
פאָרט ער, פאָרט, דער רײַטער,
פײַפט ער, שרײַט ער
אַ פאַרשמײַטער
לסוסתו ברכבי פרעה:
מאַכט אַ ווארע! מאַכט אַ ווארע!
זעט אַ פערדל
מיט אַ בערדל;
נעמט ער לויפן — גייט אַ פאַרע!

מיטאַמאָל — דיבאָם!
אַ וואָרף פון זיך דעם מזיק און אַ גיב אים!
מיט די הערנער שיער אים ניט געשעדיקט
און סע טרייסלט מיטן בערדל, פאָכלט מיטן עקל טיף באַליידיקט.
פערדל? רופט מיך פערדל גאָר! אַוועק דו ביק!
איך בין ניט קיין פערד, איך בין אַ ציג!

# דאָס אייזל און די זון

איינמאָל תּמוז,
ווען די זון ווי אַ שולמית,
וואָס זי גייט שוין פֿרײַ אַרויס פֿון אונטער פּאַרטעכל דער מאַמעס
אין איר פֿולן בוגרת־חן,
אין אַ פּשוט ווײַסן קלייד אָן פּוץ און אָן באַציר,
אויפֿרײַסן אַ וועלט די אויגן נאָר מיט זיך אַליין,
מיט איר גאַנג און מיט איר מינדסטן ריר,
נעמט דאָס אייזל קעגן איר
מאַכן זוירע מינעס
(אַלמאַי אויף דער לבנה זאָגט אַ הונט מבינות!):
— אויך אַ זון מיר! לאַנגע האָר און קורצער שׂכל!
עיקר פֿעלט, דער עיקר —
שמייכל!
און די האָר באַדאַרפֿט זײַן קירצער אָבער דיקער,
ווי די סטרונעס פֿון מײַן צאָפּ,
וואָס איך טראָג אים אויף מײַן הינטן,
ניט ווי זי איר עק, פֿאַרגעלטן און פֿאַרגרינטן,
אויפֿן קאָפּ.
און וואָס נאָך? די פֿאַרב די רויטע אויף איר פּנים צו נעדיכט!
שיטער וואָלט זי דאָך באַדאַרפֿט זײַן, שיטער!
איצטער ליכט און ליכט
און מע כאַפּט אַ ציטער!

— גאָט מיט דיר! וואָס רעדסטו? לאָז געמאַך, נו לאָז צו רו מיך!

קליינע ברואים — קליינינקע השגות! און דערומער
איז אזא זון אויך א נס... אבער איך...
און וואס זאל איך אייך דערציילן? גיך
אפגעזוכט חסידים אונדזער חכם,
וואס זיי באמקען און זיי שאקלען נאך אים,
(מ'האט גערופן זיי די פײַנשמעקער, די גרויסע מפונקים!)
און קיין שיינס אין לעבן ניט געזען דער,
ווער ס'האט ניט געזען דעם בער ר' סענדער,
מיט דער לאפע טון א מאך צום בער אליקום:
זאל דער עולם זיך דארט פרעגלען, שמעלצן דער המון,
מיך די זון ניט ווארעמט, קאלט צו איר און שוין!
(און אליין דערוויַיל מע שוויצט געשמאק).

קומט א טאג און גייט,
ביז סע קומט דער טאג פון רעכטן פסק:
יאגט דער גהינום-שמש אן, די אייזל-אויערן דרייט ער, דרייט
און דאס אייזל הירזשעט, לייגט אײַן מוירן,
גלײַך סע גייט צו קינד, א מאנקאלב ווערט געבוירן!
און פון דעמלט אן דער שלימזל באקומען לאנגע אוירן
הייזעריק ער ווי א רוקבעט, און קומט חודש תמוז,
נעמט ער ציטערן: צי גייט שוין ניט דער שמש?..

# גאוה און פּאַווע

אין אַ וואַלד פֿון די געדיכטע וועלדער וואָס אין פּוילן
אין אַן אַלטן בוים, אַ הוילן,
אויף אַ ברוסט אַן אָפּגעשניטענער פֿון טויטער תּאוה
זיצט ווי אויף אַ קישעלע אַ פּאַווע.
און אינדרויסן אויפֿן בוים דער סאָלאָוויי, ער קנאַקט, ער טרעלט.
אויסגעשטערנט, זאָגט ער, זיך אַ וועלט,
שטערנדלעך אויף שטערנדלעך! אין וועלט־האַרץ יעדער שטערן
ווי אין שוואַרצער אַקערערד אַ קערן!
שפּראָצן פֿון אים זאַנגען —
ליכטיקע געזאַנגען
קערנדיקע גליקן,
מוז מען כאַפּן, פּיקן, פּיקן, פּיקן!
נישט פֿאַרשפּעטיקן אַ רגע!

— מיר געהערט שוין דאָס! צאָ חכמה טאָ ניע יעגאָ!
אַ צאָ יעגאָ טאָ ניע חכמה (זאָגט די פּאַווע).
נאַרעלע, די חכמה שוין געוווּסט די באָבע חוה
נאָך בשעת
איר אַן עפּעלע פֿאַרגלוסט זיך פֿונעם עץ־הדעת...
עיקר חכמה: — זאָג איך — זיך אַליין אין זיך דערשטיקן...
און דאָס העכסטע גליק: אַנטלויפֿן פֿון די גליקן,
וואָס זיי נאַרן אין דער נאַכט ווי פֿוילע שטיקלעך האָלץ...
זעסט אַ שטערנדל... דו כאַפּסט עס... דו ביסט שטאָלץ...
ערשט — אַ ווערעמל געפֿאַנגען!

— איז די עצה?

— הערסט דאָך: גאָרניט ניט פאַרלאַנגען...

— וואָס-זשע לעבט מען? ווי דער זין?

— לעבן הויבט זיך אָן ערשט ווען מע קומט אהינצו-צו אַהין...

זאָגט דער סאָלאָוויי: טשיקאַווע

סאַרא וועלט מוז גאָט באַשאַפן צו באַפרידיקן אַ פּאַווע!

## עזאָפּ און דאָס אייזל

כּאָטש עזאָפּ דער משל־שרײַבער פּרײַ געפילט זיך ווי אַ קייסער
ער אין אמתן געווען אַ שקלאַף
(אפשר ווייסטו ניט — טאָ הער און גאַף).
איינמאָל ווען אַ זומער־טאָג אַ נאַקעטער, אַ הייסער
זיך אין טײַכן פֿײַער־ליכט געבאָדן
פירט עזאָפּ אַן אייזל משׂא־אָנגעלאָדן
אין שליחות פון באַלבאָס.

ס'אייזל, נעבעך, סאָפּעט, סמאָרעט מיט דער נאָז:
אָט אַ בוים... אַ ביסל גראָז...
אַ־אַדאָ שוין רוען מיר אין קילן שאָטן
(פּרוּווט דאָס מידע אייזל נעבעך ראָטן).
ערשט, גאָר ווײַטער טרײַבט עזאָפּ!
שאָקלט טרויעריק דאָס אייזל מיטן קאָפּ
און צערעדט זיך: אַ עזאָפּ, דו אויך?
דו, וואָס קוקסט אַרײַן צו מיר אין האַרץ, אין קאָפּ, אין בויך,
שעפּנדיק פון דאָרטן משל און מליצה,
דו שטעלסט אויך צעווישן מענטש און אייזל אַ מחיצה?
זעסט ניט? קוים וואָס מיט די פיס איך פּלאָנטע
און די משׂא ניט קיין גרינגע, די אכסניה ניט קיין נאָנטע,
וואָלטן מיר כּאָטש דאָ אַ שעה־צוויי רוען בלײַבן.
ניין, דו טרײַבסט! ניט שווער איז דיר, אַ ליידיקגייער, מיך צו טרײַבן.

רעד ניט, זאָגט עזאָפּ, אַן אַלטע מעשׂה...

יעדער גייט זײַן וועלט אַדורך מיט זײַן משׂא
און די רד קומט, ווען מע קומט צוריק ערשט פונעם מאַרק...
זע, איך אויכעט אויף מײַן פּלייצע טראָג אַ באַרג...
(ווי באַקאַנט — אַ הויקער ער געווען, עזאָפּ)
טראָג־זשע, זאָגט ער, טראָג. איך האָב
צו דערציילן וועגן דעם אַ משל
פון אַ קיניג מיט אַ פּראָשל,
און נאָך איינם אַ שענערס: פון אַ ריז,
וואָס זײַן קאָפּ צעקריגט זיך מיט די פּיס.

און דער איספּיר: אַלע מיר גאָטס ווערק.
און די ערד, זי טראָגט די בערג,
און די בערג דעם שניי,
און דער שניי די קאַלטע ווײ
פון די גראָע קעפּ
וואָס זיי קוקן אין דעם אָפּגרונט פון דער זיבעציקסטער טרעפּ... —

רעדט עזאָפּ... ער וואָלט זיך ערשט צערעדט!
גרינג זײַן האַנט, די לאַנגע באָרד זי גלעט,
און זײַן חכמה זיך אין רעגנבויגן פאַרבט,
נאָר דאָס אייזל ווייסט קיין חכמות ניט — און שטאַרבט!..

# די בין און די פליג

אי שוואַך, אין קליין, אי גרין
און שיט אַן פּעסלעך גאָלד. ווער איז? די בין!
זי שפּינט איר גאָלד פון בלומענזאַפּט און שטראַלן,
און ווער איז ניט אויף איר אַ בעלן?
אפילו די וואָס וואַרפן זיך מיט גינגאָלד.
(פאַראַן אַזוינע פייגל,
ווײַל יידן זיך געמאַכט פון גאָלד אַן „עגל"...)
זיי אויך דערלאַבן זיך דאָס ביטער האַרץ מיט בינגאָלד:
(ס'איז זיס!
און נאַשערלעך, צוקערקע־שלינגער
פון בינגאָלד לעקן זיך די פינגער,
כאָטש פינגער לעקן וויסן זיי איז מיאוס!..)
איז שפּינט די בין איר בינגאָלד, שפּינט עס פלײַסיק,
און אַרבעט זיך געשמאַק, פאַר צוואַנציק, דרײַסיק,
און ווערט ניט מיד —
איך בין מקנא זי, מקנא, ווי איך בין אַ ייד!
וואָס אָבער זאָגט אויף דעם די פליג?
זי טוט זיך מיט שפּיצפּיסעלע אין שטערנדל אַ פּיק
און מאַכט: — סע פּעלט אַ שרײַפל איר דאָ — אָ!
אַזאַ מין אַרבעטן, אַזאַ! נאָך וואָס־זשע?
איך זאָג: האָסט פליגל — פלי! נישקשה!
פאַראַן שוין, ווער ס'זאָל אַרבעטן פאַר דיר, נו יאָ!
אַזויפיל קריכערס! שלעפּערס אָן אַ שיעור!
און מיר, מיר זענען דאָך פון פויגלדיקן יחוס! פליער!

איז קום-זשע!
קום הוליע, זשומזשע!
אַ זומער-זינגער זײַ!
און חי —
געלעבט!
— און גאָרניט טוען! — גאָרניט, פרײַ!
— און נאָר געשוועבט?
און רק געשוועבט?
— אַזוי! אַזוי! — אוי, פע! אַן אומעט!
זאָל דער אין הימל היטן!
באַ אַלע זיסע צוויטן!
איך וואָלט פון פליען לײדיק, פון אומזיניקן זשומען
פֿאַרשאָלטן אַלע בלומען,
אפילו אויך די זון!
געזאָגט די בין און אירם גענומען ווײַטער טון.

# שלמה המלכס כלבים

אויפן הויף באַם מלך שלמה
כּלבים צוויי געוועזן, כּלבים מיוחסים,
איינער האָט געהייסן דוֹמה
און דער אַנדערער פּה־חתום.
ביידע בערן, אויגן — וואָלפיש־ווילד!
ביידע אייניקלעך פון יענע הינט וואָס ניט געבילט,
נאָר געשאַרפט די צונג אויף יידן אין מצרים.
זאָל גאָט היטן אײַך, צו הייבן אויף די הינט אַ שטעקן.
חס ושלום! דאָס קען שמעקן
מיט אַרבעים חסר אחת, צי מיט גירוש פון ירושלים
און כּדומה.

מע דערציילט, אַמאָל האָט כּלב דומה
אָפּגעטון אַ זאַך אַ מיאוסע, זער אַ מיאוסע:
ער פון שלמהס קיך אַ פעטע צונג אַוועקגעטראָגן.
פאַר דער מעשׂה אים דער קעכער מיט אַ ציצה גרינג געשלאָגן —
איז דער קעכער ניט געזעסן, מיינט איר, זיבן טעג אין תּפיסה?
יאָ, יאָ! ווי כ'בין אַ ייד! געזעסן!
נאָר... אינדעסן —
כּלבים!
(הונט בלײַבט הונט, אפילו ווען עס פּסקנט צו דער רב אים!)

איינמאָל שלמה מיט זײַן חבר אדוניה אויפן הויף שפּאַצירט
און אַ שמועס אַ וויכטיקן געפירט.

פלוצים פון דער העלער הויט, מיט אַ געביל, אַ ליאַרעם
כלב דומה אויסגעוואַקסן:
„האַוו, אדוני קיניג! אַ רציחה! אוי דערבאַרעם!
דײַנע רײַטוועגן אָן רעדער און צעבראָכן זיך די אַקסן!
נים קיין אמת, נים קיין יושר, נים קיין דין!
סדום דאָ צי ירושלים? כ׳ווייס נים ווו איך בין!”
(כדאי צו ווּיסן:
נעכטן ר׳ פּה־חתום פּונקט אַזוי געשריגן
און ר׳ דומה תּמימותדיק געשוויגן,
ווײַל פּה־חתומען האָט ער צעביסן.
איצטער האַוועקעט כּלב דומה שוין
און פּה־חתום שווײַגט, אַ שטילינקער פּאַרשוין)
— מאָרגן, מאָרגן! ענטפערט שלמה. גיי און מאָרגן קום!
לאָזט דער הונט אַראָפּ דעם קאָפּ, פאַרביינט צעווישן פיס דעם עק,
טראָגט זיך אָפּ, אַוועק
ברוגזדיק און מיט אַ ברום.
— אי, אַ!
(זיך פאַרוואונדערט אדוניה)
לאָז געמאַך! זאָגט שלמה, ניט פאַר אומגוט נעם עס:
מעסערס אין די אויערן און נים הערן כּלבים בילן ווענן אמת!

## שנאַפּע

מאָדנע!
דאַכט זיך מיר אין גראָדנע,
צי, קען זײַן, אין בריסק,
איז אַמאָל געווען אַ כּלב מיטן נאָמען שנאַפּע —
אַ נקי־כּפּימניק... ער נעמט ניט אין דער לאַפּע!
(נאָר אין פּיסק...
בילן אונטער ווי דער שטייגער קליינע הינטעלעך)
אַ געשטרײַפּטער, אַ געפּינטלטער, אַ הונט מיט הינטעלעך. —
זאָגט צו אים אַמאָל די שקאַפּע מאַני:
פּאַני,
נעמט ניט פֿאַר אומגוט, איך וויל אײַך עפּעס פֿרעגן.
איך, איר ווייסט דאָך, בין אַן עבד־כּנעני,
אײַנגעשפּאַנט אין שווערן וואָגן,
שלעפּ איך זיך אויף ווילדע וועגן,
אין געדיכטע זומפּן, אונטער בײַטש און רעגן
מיט אַ בייזער קאַץ אין מאָגן,
און אַז כ׳קום אַ היים, איך פֿאַל קוים לעבעדיק אַנידער,
ערשט, ער ווײַזט מיר, מײַן באַלבאָס, אַ „הָא” אין סידור...
מילא, כּל זמן יונג, ווי זאָגט מען עס, איז „קאַטשקע פּראַטשקע”...
איך געשוויגן... איך געשלעפּט די טאַטשקע...
איצט אַז... ס׳יאָ... וואָלט איך געוואָלט אים ווײַזן,
אַז אַ שקאַפּע איז אַ שקאַפּע, ניט קיין שטאָל און אײַזן...
— ס׳הייסט? וואָס מיינסטו? — פּשוט

בײַ אַ זומפּ אַ טינטערל איך טו אַ זאָג מיר: דאָ שיט!
און איך שיט... איך שיט אים אויס אינמיטן וועג!
ווי מיינט איר... איך זאָל?.. מע מעג!
— מ... נע! מע טאָר ניט... טון דאָס טאָר מען ניט...
נאָר אָפּטון... טו! ניט פרעג...
בעסער נאָך ווי זיך אַליין וועט דיר ניט ראַטן קיינער...

— אַ געזונט אײַך אין די ביינער!
שאָקלט מיטן קאָפּ די אַלטע דאַנקענדיק און גייט זיך.
זי אַוועק, נאָר איר באַלבאָס שוין אַרום שנאַפּן דרייט זיך
און ער רעדט: איר ווייסט, העֶר שנאַפּע?
אַ רחמנות, נעבעך, אויף מײַן שקאַפּע!
— מילא...
— ס'שיט זיך פון איר זאַמד שוין... אַ נבלה...
— בע, דאָס זעט אַ בלינדער!
— נו?
זאָגט מען: טפּררו!
שטיי! געגוג געשלעפּט דעם וואָגן! איצטער רו געפין דיר!
— איך פאַרקויפט וואָלט זי, פאַרשטייט איר מיך, צו בערל שינדער...
נאָר אַז איך באַרעכן וויפל יאָרן
נעבעך זי פאַרשוואַרצט געוואָרן...
יאָ, בײַ מיר פאַרשוואַרצט געוואָרן זי...
איז מיר עפּעס, ווי זאָל איך אײַך זאָגן, ווי?
אַ, ווי מיינט איר? וואָס איז שנאַפּעס חוות-דעת?
— ניין, מע טאָר ניט... אָבער... טאָ... אַז...
נו און ווײַטער? פרעגט ניט, קינדער!

אין אַ וואָך אַרום שוין פירט ער בערל שינדער...
פירט אונדזער בהמה אויפן פרײַען פעלד,
ווײַזט איר צום לעצטן מאָל די ווײַסע וועלט...

און די שקאַפֿע וויינט און בעט זיך: שווער מיר!
שווער באַ וואָס ס'איז הייליק!
קיינעם ניט, נאָר שנאַפּען, גיסטו נאָך מײַן טויט מײַן צונג
און מײַן לעבער און מײַן לונג —
אים דער בעסטער חלק!
קיינער פילט ניט מיט אַ קראַנקער שקאַפֿע,
ס'יינער ניט, נאָר שנאַפּע... שנאַפּע!

# אַ הינטישער מי־שברך

**חלפן**

שלאָגט זײַן הינטל דלפון
און פאַרוואָס־זשע? — שווער צו זאָגן!
חלפן האָט אַ שטעקן, האָט ער ליב צו שלאָגן.
צי גאָר אויפן זין אַרויף ס׳איז
צו באַווײַזן אים, דעם הונט, מיט אותות און מיט מופתים,
אַז אַ הונט האָט קיין נשמה ניט — אַ שמאַטע!
שלאָגט ער ווי אין פסוק שטייט: „באותות — זה המטה!"
ווילסט אַ הונט אַ ראיה ווײַזן?
נעם אַ שטעקעלע פון אײַזן!
צי דערפאַר גאָר חלפנס שטעקן
האָט פאַרשידענע צוויי עקן,
איינער דין — דער צווייטער דיק.
איז באַקומט דאָס שלאָגן שוין אַ טיפן זין:
פריער ערשט, מיט אַ שעה צוריק,
געוויזן ער דעם הונט פון איין זײַט, וואָס הייסט „דין",
איצט באַווײַזט ער „רחמים" פון דער צווייטער זײַט, דער דיקער.
און דער עיקר —
שאלות פרעגט ניט אויף קיין שיכּור.
פרעגט: וואָס טוט דער הונט? — וואָס זאָל ער טון?
וואָס געטון דער זיידע און דער טאַטע, טוט דער זון:
האַוקעט, בילט!
קומט דערויף אָן נָפסי — אויך אַ הונט,
און צעלאָזט זיך: ווײ, פון קאָפּ ביז פּוס איין וווּנד.

זוי, וואָס טוט זיך דאָ? דערהרגענען איר ווילט?
ווי האָט מען עס אַ האַרץ אַזוי צו שלאָגן?
גזלן! מערדער!
ערשט אויף ןפסין וואַרפט זיך דלפון: ווער דער?
זע נאַר: ס׳האָט אים אָנגעטראָגן!
און ער פּײַערט, דלפון, מאַכט דעם גאַסט אַ „מי־שברך״:
דו אַזוינער! דו אַזעלכער! נעם דעם דרך!
אַז געפונען זיך מיט מיר דאָס שטעקעלע פון מײַן באַלבאָס,
דו, וואָס טוסטו דאָ? דײַן טאַטנס עסק דאָס?!

## פּעטש

ס׳האָט אַ כּלב פון דער קיך זיך אָפּגעטראָגן,
און פאַרוואָס? אַ בושה גאָר צו זאָגן.
זעט! די לאָפּעטע נאָך אים זיך יאָגט,
און זי שלאָגט, זי שלאָגט!
ע! אַן עוולה! ער, דער כּלב, וואָס ער איז, נו איז ער,
אויף לא תגנוב, אויף תעניתים ניט קיין נזהר,
אָבער פאַרט אַ ממזר, דורכגעטריבן!
ער, אַז וויל ער, קען ער גיבן
פײַער, פּעך און שוועבל פונעם מויל אים!
וואַרפט אַ פּחד אויפן עולם-גולם,
און דערצו — אַ דיכטער!
פון דער פּעל אין הימל קריכט ער!
דורך די נעכט אַקעגן דער לבנה זינגט ער!
און די לאָפּעטע די פלאַכע איבער אים אַ ריכטער!?
שלאָגט!?.. האָווקעט ער, אַזש פון די כּלים שפּרינגט ער:
„אַזאַ פלאַטשיקע! זי פּאַטשט! צון אַלדע שוואַרצע!
ווייסט ניט פונעם נאָמען זיך, אונטערן אויוון דאַרט זי,
און זי וואַרפט זיך! נעמט זיך לערנען מיך!"

„דיך! די לאָפּעטע געענטפערט, דיך!
ווײַל דו ביזט אַ הונט און קריכסט אין קיך.
נו געווים
איז אַ פּאַטש קיין חכמה ניט און שאַרפער איז אַ בים,
נאָר די חכמה, שמועסט מען, האָט קיין גרונט,

זאָגט די חכמה: פּעטש אָן חכמות גיב אַ הונט!"
און געיאָגט אים ביז צום טויער
און אים אָנגעזאָגט: זכור!
איך בין פּלאַטשיק, דו ביזט שאַרף,
אָבער לערנען מיט אַ הונט, דאָס קען איך, ווען איך דאַרף.
איך האָב שוין אַמאָל געלערנט מיט אַ דבר־אחר,
כאַטש אַ בײַכיקער, אַ נגיד אַ פּילפּאַכער!
היט זיך, כּלב, פּאַר אַ לאַפּעטע אַ פלאַכער!

כּלבים בילן — קיין קאַטאַוועס!
ס'דרייט זיך אום אין שטאָט דער מלאך־המוות!
וואָס־זשע טראַכט איר, קלוגע? אַלץ נאָך ניט געטראַכט גענוג?
צו דער לאַפּעטע, דער פלאַכער, גייט און ווערט אַמאָל שוין קלוג!

# דער מילכיקער הונט

וואָס סע קען זיך טרעפֿן! פֿון אַ פֿרײַנד אַנטלויפֿן זאָל די ריש
און אַ הונט זאָל פֿיינט באַקומען פֿלייש!
ערשט צום פֿלייש געדינט ער, ניט געקענט דער כּלב לעבן אָן אים,
ערשט ער עס געפּרעסן מיט די ביינער
(פֿאַר גרוים ליבשאַפֿט דאָס אַפּנים).

הײַנט
פֿײַנט דער הונט דאָס פֿלייש שוין, פֿײַנט.
מילכיקס, דאָס נאָר עסט ער.
אָנגעדונגען בײַ ר׳ טביהן זיך אויף קעסט ער,
און ר׳ טביהן
קענט איר דאָך: אַ ייד, אַן אביון,
גייט אַרום בהמות, שטעלט צו מילעכיקס פֿאַר רײַכע באַלעבאַטים,
זיי די קעז־און־פּוטער, אים זשע, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, קדחת.
(כאָטש קדחת ניט קיין קרענק,
קיין גוטן פֿרײַנט איך ווינטש ניט דאָך עס)
טביהן דאָס געמאַטערט, סוף כּל סוף פֿאַרשאַט אים!
קאָכט אים גאָלדע אָפּ אַ יאַיכעלע, סע שמעקט,
נאָך אַ פֿעטער סעודה אַפּעטיט סע וועקט:
עוף אַ פֿערטעלע, פֿאַרבראָקט מיט פּעטרישקע, אַ ציבעלקע,
צום טעם אַלץ —

אי דער אײַנבראָק, אי דאָס זאַלץ,
פֿונעם גרוך אַליין סע קומט שוין צו אַ שטיק געזונט.

טראָגט עס אָן אין קיך אַרײַן דעם הונט

(ניט געווען אין קיך גראָד קיינער),
ניוכעט ער, דער הונט, און זײַעט דורך די ציינער:
עפּעס שמעקט, מיר דאַכט, מיט רויך
און מיט גערגעליצע פֿון כּל-נדרי-באַרלעך,
צי מיט הינדל-פֿלייש... דערפֿון קען הארט ווערן דער בויך
און דער קאָפּ אפֿילו דאַרלעך.
און אָדאָם
עסן וועט דער חולה? טביה? מײַן באַלבאָם?
וווּ-זשע בין איך? וואָס זשע שווײַג איך? אין מײַן טאַטנס טאַטן,
איידער טביהן, בעסער מיר זאָל שאַטן!
איך פֿאַר אים זאָל קרענקען און אפֿילו שטאַרבן אויך!
און דער הונט זיך מוסר נפֿש און עסט אויף די יויך.

און ר׳ טביה? ער וואָס זאָגט דערויף?
זײַ מיר, כּלב, ניט געטרײַ, לאָז צורו מײַן שטיקל עוף!

## דער הונט און דער פוקס

איינמאָל קומט דער הונט צום פוקס גוט יום-טוב ביטן.
ס׳איז געווען אין יענע צײַטן, וואָס אַוועק, אַוועק שוין ווי אַ חלום
און דערמאָנען זיך נאָר זעלטן, נאָר אין די משלים,
דעמלט נאָך, ווען פוקס פלעג זיך פאַר הונט ניט היטן
און געווען פאַרבונדן פרײַנטלעך זיי מיט זיבן קניפּן.

— אָ! גוט-יום-טוב! אָ! אַ גאַסט אַ שיינער!
זיצט! (זאָגט פיקסל מיט אַ ליבן שמייכל אויף די ליפּן)
זיצט-זשע! — און מכבד ער דעם גאַסט מיט ביינער.
אויך אַ מאכל... אונדזער גאַסט נעמט זיך ניט איבער,
ווייסט אַז פיקסעלע אַ קנאַפּער גיבער —
קנאַקט דער הונט די ביינער, מאַכט קיין טענה.
לאָזט אַרײַן דער פוקס זיך אָבער אין אַ שמועסל אַ זיסן:
— זאָל אייך, זאָגט ער, ליבער אורח, ניט פאַרדריסן,
איך בין, כ׳לעבן, אײַך מקנא:
קיין עין-הרע, קיין בייז אויג זאָל אייך נישט שאַטן!
אַז גאָט העלפט אַזוינע ציינדעלעך — דער וועלט אין טאַטן!
ניט קיין קלייניקײַט דאָס: קנאַקן ביינער!
כ׳האָב געהערט, געזאָגט אַמאָל אַ חכם איינער:
„רעכטער טעם פון פליישן — נאָר אין די עצמות״ —
זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, נאָר דאָ מוז
פּלאַצן דאָס געדולד אפילו בײַ אַ הונט.
— שווײַג! צעהאַוקעט זיך דער גאַסט.
איך בעט דיך, זאָלסט מיר זײַן געזונט!
מילא! דיר דאָס פלייש, דעם גאַסט די ביינער!
רעד-זשע כאָטש ניט! וויל ניט זײַן דערצו קיין שיינער!

# אין וואַלד

וואַלד! — וואָס ווייסט איר, און אַז טיף אין וואַלד פֿאַרקראָכן!
ס'איז דאָך היינט דאָרט שבת-קודש אינדערוואָכן,
אמתע מנוחה!
ניט אַזוי בעת דער קריג דער גרויסער איבער דער מלוכה
צווישן לייב און פוקס, ווען ברודער — ברודער האָט געשטאָכן.

ווײ, וואָס דעמלט זיך געטון דאָרט! אַ געבריל, אַ ברומען!
אַ געזעמל, קולות, ניט אַרײַנצוקומען!
מיטן חיות איר ניט זיכער!
די מלחמה באַריכות איז פֿאַרשריבן אין די אַלטע ביכער,
ז'האָט געדויערט אַ שאָק מיט יאָרן
און זי לעבט אפילו ביי דער קאַץ נאָך אין זכרון.
איך דערצייל אַ קליינעם פּרט פֿון איר, און דאָס בקיצור:
כאָטש דער לייב פֿון פוקס אַוודאי שטאַרקער,
און דעם וואָלף, דעם בער, דעם העלפֿאַנט האָט ער פֿאַר באַשיצער,
און דער הונט פֿאַר אים — אַ באַרג ער
(אַ שפּיאָן: געשמעקט און צוגעטראָגן
וואָס די פֿייגל זינגען, וואָס די שונאים זאָגן
און די פֿרײַנט וואָס בענטשן, און אין האַרץ גאָר שעלטן)
דאָך אַזוי — נצחון ליב אַ שפּאַס צו טון ניט זעלטן —
דעם פוקס געלונגען, מיט דער הילף פֿון די כּלי-קודש:
ווײזלטיר, ר' פּיפּערנאָטער,
פֿרומע קאַץ און שוואַרצער קאָטער,
צו פֿאַרכאַפּן די מלוכה אויף אַ חודש.

און דער לייב געמוזט אַנטלויפֿן צו די ווילדע בעדואינער.
שווערע צײַטן, שווערע פֿאַרן לייב און זײַנע מקורבים —
אָבער ניט פֿאַר כּלבים.
ווי מ׳הערט: דער הונט בײַם פֿוקס גאָר קאַמערדינער!
אַרבעט מיטן קאַטער, מיט דער קאַץ אינאיינעם
און דער מלך פֿון זײַן טיש וואַרפֿט אַלעמאָל אַ מאַרעך־ביין אים.

איינמאָל ווען דער כּלב אין שליחות פֿונעם פֿוקס געלאָפֿן,
אים דער וואָלף אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקעלע געטראָפֿן
און ער שטעלט אים אָפּ און פֿרעגט אים אָפֿן:
— כּלב דו!
דו אין פֿוקס שליחות?! הו—ו—ו!

— ניט מיט כּעס, הער וואָלף! איך וועל
(זאָגט דער הונט און ס׳ציטערט אים די פֿעל)
כ׳וועל דעם אמת זאָגן: מיינט ניט! איך גענוג געליטן!
נאָר וואָס זאָל איך טון? די מיינונג זיך געביטן!
יאָ, אַ בוים בײַט אויך די בלעטער!

— וואַ—אָ! וואָס רעדט ער?
ברילט דער וואָלף, סע הילכט אַ ווידערקול פֿון ווײַטן.
יאָ, איך וויים! מיינונגען זיך בײַטן!
נאָר פֿאַרוואָס־זשע הינטיש מיינונג זיך געביטן
דווקא ווען דער ווינטער אינמיטן
און דער פֿוקס באַקומען הערנערלעך פֿון אײַזן?!
הונט וואָס ביסטו! אַזוי גאָר טוסט דײַן חוב דו?
וואַרט, איך וועל דיר ווײַזן! —
און דער וואָלף צערײַסט דעם הונט. כּן יאבדו!

# דריי הינט

צוויי —
(ראבטשיק און כּל-בוניק הייסן זיי)
ברידער, אונטער איין דעמזעלבן מוטערהארץ געליגן —
דאָך אזוי: טאָג-איין-טאָג-אויס, נאָר זיי בייסן זיך און קריגן!
און דער דריטער, כאָטש ער הייסט ר׳ האָווקע,
דווקא —
גאָר אַ רודף-שלום.
(עס פאַרשטייט זיך: אויפן זאַטן מאָגן, נאָך אַ גוטן חלום!)
איינמאָל זיך פאַרגלוסט אים, צווישן
אונדזערע צוויי ברידערלעך זיך מישן.
ביידע זיך געוואָלגערט אין אַ פייערדיקן קנויל,
און אַ ברודער זוכט דעם ברודערס גאָרגל מיטן מויל
(ניט צוליב אַ קוש אַוודאי)
נו, ר׳ האָווקע זיי געוואָלט צענעמען, און מיט גוטן גראַדע:
נאָר ווי ס׳טרעפט זיך, גאַנץ אומגערן,
טוט ער ראַבטשיקן אַ ביס.
וואָס-זשע איז?
זיין כּוונה נאָר צו גוטן דאָך, געוויס!
וויל דאָס אָבער ראַבטשיקל ניט הערן:
— כ׳בין דיר מוחל! האָווקעט אויף אַ קול ער.
כ׳בעט פון דיר קיין טובות ניט אַזוינע!
היט מיך גאָט פון פריינט און איך אַליין וועל היטן זיך פון שונא! —
מילא, וויל ער האָווקען — זאָל ער!
ע, מ׳קען אים! אויף זיין שטייגער זיך צעשטייגערט ער!

זוכט זיך די פּאַדקאָוועס פון דער שקאַפּע
דער געפּגרטער!
נו געזונטערהייט! — שטרעקט דערפאַר כּל־בוניק אים די לאַפּע,
דאַנקט אים מיט התפּעלות.
... פּלא, ראַבטשיקס ברודער — און אַ הונט מיט אַלע מעלות! —
— נאָר איך ווייס ניט, ווער ס'איז שולדיק, דער בר־מעלה
צי ר' האַווקע — דאָס דערוויַיל אַ שאלה;
ווייסן ווייס איך: מאָרגן שוין ר' האַווקע גאָר אַליין
אויף כּל־בוניקן געשאַרפט די ציין.
(זיך געמאַכט אַ מעשׂה דאָרטן מיט אַ ביין)
ראַבטשיק דאָס דערזען, און אויף!
(פּאָרט אַ ברודער, ניט אַ פרעמדער דורש־טוב)
איינס און צוויי — ער לייגט אים שוין אַנידער
און ער העלפט זיַין ברודער מאַכן תּל
פון ר' האַווקעס פעל! —
און פון דעמלט זענען זיך די ברידער — ברידער,
היַינט געקושט זיך, מאָרגן קידער־ווידער —
נאָר דעם רודף־שלומניק ביז היַינט
ביידע פיַינט.

# שמשון און די שלענג

ויהי,
ס'איז געווען ווען שמשון אין אַ גינגאָלד-אינדערפרי
איבער טויטן לייב געשטאַנען
און דאָס האָניק-גאָלד אים איבער ליפּן האָט גערונען
(נעמט, זײַט מוחל, דאָס תנ"כל, קוקט אַרײַן דערינען!
איר געדענקט? אַ רעטעניש דאָרט וועגן דעם פּאַראַנען)
פּלוצים — הערט!
עפּעס אַ משונה קול פון דר'ערד:
„קום שוין, קום שוין! נו שוין, שווים שוין!
גיכער! אָט—אָ איז ער! שמשון, שמשון!
אָט אַ שטייט ער!" —
זיבן גרינע שלאַנגען סאָפּען, רופן איינע צו דער צווייטער.
מיט אַן עקל-בליק
וואַרפט דער גיבור זיי צוריק,
קריצנדיק פאַר כּעס די ציין.

— וואָס איז עפּעס פאַר אַ ציינער-שאַרפן?
(פרעגט אים איינע גיפטיק און די אויגן שׂרפהן)
אפשר ווילסטו ווי אַ הונט אונדז בײַסן?
— בײַסן? מיט די ציין גאָר? אײַך? חלילה! ניין!
— יאָ, מיר ווייסן! האָסט דערצו קיין כּוח ניט!
אָדער אפשר מיינסטו, ווי דעם לייב אונדז מיט די הענט צערײַסן?

— איך ניט!

— נו געדענק-זשע! טאָמער מיטן שטעקן?
— מיט וואָס-זשע איך פֿון לייב דעם האָניק לעקן?

— ש—ש—ש! שלום, שלום וויל דער ריז!
— שלום? מיט די שלאַנגען?!
מיט די פּיס אײַך שרצים, טרעטן! מיט די פּיס!
ער געזאָגט און טרעטנדיק אויף זייערע קעפּ זײַן וועג געגאַנגען!

# דער טאַנץ

מאַראַנץ —
פּרימאָרגנרויט־גלאַנץ
און עפּל
רויטקעפּל,
ער חתן, זי כּלה, געגאַנגען אַ טאַנץ.

געווען דאָס אַ טאַנץ ווי געוויינלעך, באַלבאַטיש און איידל,
איז אָבער אַן אומגליק באַשערט!
איר הערט:
אַז אומגליק באַשערט איז מסוכּן,
דו פּאַלסט אויפֿן רוקן,
צעקלאַפּסט דיר אַ נאָז!

איז וואָס־זשע געשען דאָרטן, וואָס?
אינמיטן דעם טאַנץ אין ראָד־רעדל,
פֿאַרלוירן די כּלה איר פּורפּורן קליידל!
געבליבן ווי חוה אין פֿרישן גן־עדן
נאָך פֿריער פֿאַר דער זינד.
איז מיינט איר, פֿאַרשעמט זיך די כּלה? חלילה! אַ קינד
פֿול זאַפֿט און פֿול פֿריידן
און חנעוודיק־נאַקעט,
זי לאָזט זיך ערשט איצט אין איר אמתן טאַנץ
אַרום זיך, אַרום זיך, אין ליכטיקן קראַנץ.

ווייַ, ווייַ, וואָס דאָרט טוט זיך! אַ זשאַבע צעקוואַקעט,
אַ קאָטער מיִאַקעט
און דרייט מיטן עקל.

אַ באַרעלע,
אַ שפּיצעכיק בערדל און נעבעך אַ נאַרעלע —
מאַכט מינעם און רויטלט אַ בעקל.
מיט בייזער צעקרייט זיך אַ קפּדן אַ האָן.
ער פּילדערט און פּאָכט מיט די פליגל.
וואָס הערט זי? וואָס גייט זי דאָס אָן?
זי טאַנצט קעגן שפּיגל.
סע טאַנצט איר פון דאָרטן איר חנטאַניץ אַקעגן!
סע שפּיגלט, סע בליצט,
מאַראַנצנזאַפט שפּריצט.
— אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
— ווי מעג'ן? ווי מעג'ן?
— דעם רב דאַרף מען פרעגן! דעם רב דאַרף מען פרעגן!
— מע דאַרף, יאָ מע דאַרף!
— דער חתן, וואָס זאָגט ער? — דער חתן, אַ ציטער, אַ וואַרף
און לאָזט זיך אַוועק אויף דער שאַרף
פון שטאָלענעם מעסער:
די כלה קען טאַנצן — דער חתן טאַנצט בעסער!
ער דרייט זיך אַרום איר, אַרום איר!
סע טאַנצט און סע פלאַטערט אַ זומער,
אַ זומער אַ שמעקנדיק-רויטער!
עך טאַנצט ער! עך שפּרינגט פון דער הויט ער!
סע רינדלט,
סע שווינדלט
אַ פרייד אַ דערפרייטע,
דערפרייטע, פאַרדרייטע!
און דאָרט אין אַ ווינקעלע בלאָזט זיך דער אינדיק
און רעדט צו דער גאַנדז:
מאַדאַמעשע, הערט איר! די וועלט איז היינט זינדיק.
ער בלאָזט זיך, ער בלאָזט זיך און כאַפּט אויך אַ קוק אויפן טאַנץ.

# די זון און די לבנה

מחמת וואָס אין נאַכטיש-בלויען שאָטן
פּאַלט לבנה-טרער אין טאָל פון יאָמער?
אָמר,
האָט געזאָגט ר׳ לייזערל הקטן
(ליב געהאַט ער צו דערציילן אין דער שטיל עס):
תּחילת
די לבנה פון דער זון געווען גרעסער
און די זון ווי די לבנה הײַנט
דעמלט קוים געשײַנט.
מאַנכע זאָגן: עטוואָס בעסער;
נאָר געפעלט זיי ביידע שלימות.
וועגן דעם אין אַלטע ספרימלעך פאַראַן אַ רמז:
היות די ליכטיקײַטן גאָט באַשאַפן נאָכן וואַסער,
איז געוואָרן אויסגעלאָשן, בלאַסער
דער יצירה-ברען פון שעפערס אויג.
ודוק! —

גייען ביידע ליכטיקײַטן זוכן אַ תּיקון.
(מיט געבליץ, מיט בליקן
פון באַהאַלטענער כוונה
ווײַטע ווײַטקייט זיי געפאַנגען
אין אַ נעץ פון בענקשאַפט און פאַרלאַנגען).
איז קײַן מערב-זײַט געגאַנגען די לבנה
און די זון קײַן מזרח איז געגאַנגען.

גייט זי, גייט אויף ווײַסע מזרח-וועגן.
ווער-זשע קומט אַנטקעגן?
רזיאל המלאך.
— ליכט באַגעגנט! קוש דײַן שטראַל איך!
(שרײַט רזיאל) ברוך יוצרך! ברוך קונך!
אמת, יאָ! דאָס ליכט אַביסל רוי נאָך,
טוקט זיך דאָ און דאָרט אין פינצטער-פלעקן,
נאָר עס שאַט ניט, ניין! עס זאָל דיך, קינד, ניט שרעקן!
גלייב, דײַן שטראַל וועט מיט זײַן חן-שפּיל זיי פאַרדעקן!
אַז ניט הײַנט איז מאָרגן! און מיט גלאַנץ מיט פרײַערן
איבער גאַנצן הימל וועסטו פײַערן!
אַזש פון מזרח ביז די סאַמע מערב-עקן! —

און אַזוי געוועקט דער מלאך און ניט אויפגעהערט צו וועקן.
ביז די זון צעברענט זיך און צעשטראַלט אינגאַנצן.
אין איין רגע ששים-רבוא העל-געשפּיזטע גלאַנצן
און אַזויפיל שטראַל-געזאַנגען! —

און קיין מערב, שמועס'מיר, ווער געגאַנגען?
די לבנה! קומט אַנטקעגן?
אַף-ברי, דער שׂר פון רעגן.
זייער אַ בייזער! און דערצו אַ גאַנצן טאָג גערעגנט!
און אַ קײַמא-לן: האָט דיך באַגעגנט
אַף-ברי אין רעגנטאָג —
זיבן וואָכן ריכט דיך אויף אַ פּלאָג!
זעט ער די לבנה און ער נעמט, דער כעסן,
די לבנה גלידערן,
זי פאַרשעמען און דערנידערן,
און רײַסט שטיקער און שנײַדט פּאַסן:
אַז אינגאַנצן זי פון קאָפּ ביז פוס אַ קריפּל!

דאָ אַ פּלעק און דאָרט אַ שטיפּל!
קרעץ און פּאָקן! —
און געשען! פֿאַרשעמט זיך די לבנה, בלאַס דערשראָקן
זי פֿאַרשווונדן אין די מערב-טויערן, און באַהאַלטן זיך אין רעגן-פּאַס.

און פֿון דעמלט זי איר יוגנט-פֿרייד פֿאַרלוירן.
אַ פֿאַרשעמטע ווײַזט זי ניט באַטאָג זיך אויף דער גאַס.
מיט דער נאַכט נאָר טרעט אַרויס זי שיט, דערשראָקן
און סע טריפֿן טרערן אויף דער גאָרער וועלט פֿון אירע לאָקן!

# דער קלויסטערגלאָק און דער טורעמזייגער

העי! שטייט אויף! שטייט אויף! אַ שׂרפה!
אַ מכשפה
מיט צעפּאַטלטע, מיט רויטע ים־צעבּרויזטע צעפּ
אין אַ ווילדן טאַנץ געלאָזט זיך איבּער אײַערע קעפּ
מיטן סמך־מם!
עך! אַ גהינום! רויט די וועלט, אַ שעכט־הויז!
טאַנצנדיק, די אויגן רײַסט זי, די מכשפה, בּאַ די נעכט אויס!
פולע זשמעניעס זי אַ נעם
און געוואָרפן העכער הײַזער!
עך! דער הימל זיך צעגליט, כאַטש שניי און אײַז ער!
אויפגעציטערט פונעם שלאָף די קלויסטערגלאָקן
און צעשראָקן
זיך צעהודעט:
בור! מרה־שחורהניקעס, וואָס סע מאַנגלט אײַך און נודעט,
האָט איר הײַנט אַ פריילעכס! שפילט זיך אָפּ הײַנט אַ הוליאַנקע!
פון געלעגער הייבּט עס אַלטע, קראַנקע,
קאַליקעס און נעבּעכעס!
און אַ פײַערדיקער טאַנץ גייט איבּער בּעבּעכעס!
אַ געזעמל און אַ בּרענענדיקער „הורעם־בּורעם!"

אינדעם הערט: סע קלינגט דער זייגער פונעם הויכן טורעם.

— גאָט זײַ דאַנק! גאָט זײַ דאַנק!..
שרײַט צו אים דער קלויסטערגלאָק: בּאַדאַרפט שוין לאַנג!

איך געוועקט דיך שוין ניט איינמאָל,
אָבער... בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל.
העלף־זשע, ברודער, העלף!
העלף מיר קלינגען, מאַכן אַ מהומה
און פֿאַרטרײַבן העלף די טומאה
און איר כּח
מיטן שוועבלפּעך און מיטן רויך און טשאַד
אין די קעפּ אַרײַן, און אין די בײַכער פֿון די הונגעריקע וועלף! —

און דער זייגער — אָפּגעציילט זיך איינס, צוויי, דרײַ... ביז צוועלף,
און שוין ווידער אין זײַן צײַטגעדאַנק פֿאַרזונקען.
— שוין? שוין מיד? (פֿאַרוווּנדערט זיך דער גלאָק) געבליבן שטיין!
— ניין!
— וואָס־זשע שווײַגסטו? הער דאָס קראַכן! זע די פֿונקען!
— צווישן ווילד צעהוליעטע מכשפֿות —
שטורעמשׂרפֿות
איך געטריבן פֿון מײַן אומרו, ניט איך שטיי און ניט איך לויף.
— וואָס־זשע דען? — איך גיי מײַן גאַנג און טו מײַן חוב!

## משיח

אין אַ מיטן העלן טאָג, אום דינסטיק דאָס געטראָפן:
קרעמערס בײַ די סטויקעס זיצנדיק געשלאָפן,
שטעלניקעס זיך אויף דער זון געבראָטן
און געגאַרט אַ קאַלטן טרונק, אַ קילן שאָטן,
ווײַבער — אַלע נײַן מאָס רייד שוין אויסגעשאָטן —
אויף די פּריזבעס שווײַגנדיק געהעקלט זאָקן
גיך, גיך מיט די שפּיסעלער, גלײַך יעדע איינע זיך געשראָקן
אָט—אָט—אַ בלײַבט זי הינטערשטעליק.
(טאָמער יאָ, חלילה, פאַלט דאָך אײַן דער בעליק!)
און די זון זיך אין די ווײַבער גאָר מתקנא!
אַרבעט אויף אַ ווײַסן זאָק מיט טויזנט שפּיסעלער.
אינדעם קומט אַ הונט צו לויפן אויף דרײַ פיסעלעך
און ער לייגט אַנידער וואָיענדיק פאַר גאָט און לײַט אַ טענה.
עמיצער, פאַרוואָס־פאַרוועו, צעבראָכן אים אַ לאַפּע.
ערשט־אַ ווײַסער רײַטער אויף אַ ווײַסער שקאַפּע!
און דער רײַטער —
שמע ישׂראל שרײַט ער.
און זײַן קול גייט ווי די קולות פון די פײַערדיקע קאַרעטעס
וואָס זיי רודערן אין הימל, ווען דער דרויסן שטאַרק פאַרכמאַרעט איז.
ווער זשע זאָל דאָס זײַן? איר ווייסט ניט? הערט זשע קעלעכלעך:
— יידן מאַכט אַ וואַרע! נעמט אַוועק די שטעלעכלעך!
— אַנדערש ניט! אָט פּלי איך!
— סאַראַ לשון, גולם! זעסט דען ניט? משיח!
— טע—טע—טע! משיח? קומען וועט ערשט איבער
ווייס איך וויפל יאָר ער.

— לאָקש! מע דאַרף דיר געבן קײַען שטרוי מיט מרור!
נאָך נישט צײַט? שוין לאַנג משיחס צײַטן...
— עט—בע! אויף אַ פערדל, אויף אַ ווײַס משיח-פערדל
וועט משיח רײַטן!
און דער דאַזיקער ער רײַט גאָר אויף אַ שקאַפּע!
האָב איך אַן אמונה שוין אין אים אַ קנאַפּע!
— אַפּיקורס! כּופר!
— יידן, הערט, ער בלאָזט שוין שופר!
נעמט זיך אַן און לאָמיר טאַנצן ווי די לעמעלעך!
— בנאמנות, אַלע איר געגעסן די משוגענע שוועמעלעך!
שוטים, קומען וועט משיח אויף אַן אייזל!
אויף אַן אייזל וועט ער קומען!
און אַ לייב וועט לויפן פאָרויס און וועט ברומען!
— גייט אײַך! גייט אײַך! (טענהן הענט צוויי לאַנגע, דאַרע)
קומען וועט דער גואל אויף אַ כמאַרע,
מיטן עמוד-אש און מיטן עמוד-ענן
וועט ער זיך באַווײַזן אויפן באַרג לבנון,
דאָרט אין ארץ-ישראל!

קורץ: סע זידט און קאָכט זיך קהל
אַזש סע גייט אַ פּאַרע.
נײַע חברות אויסגעוואַקסן: חברה „כמאַרע”,
חברה „אייזל”, חברה „פערד”,
און מע רײַסט זיך פאַר די פאות און סע פליען בערד
און מע נישטערט און מע גראָבט אין אַלטע ספרים,
מיטן גראָבן פינגער,
און מע שפּיצט די מוחות און מע שאַרפט די צינגער,
אַלטע אין די קלויזן, קינדער אין חדרים,
און ניטאָ קיין אויסוועג און ניטאָ קיין עצה...
און משיח? — ער? בשקאַפּע יבוא, בשקאַפּע יצא!

ט שלי יוליער דו ווישוט
דאָס זיינען די מעשים פֿון אוועדער דער זין פֿון ווישוט
אין רויזל געהויסן זיין כשפּע מוועד די צנועה
נשמתם בגנזי מרומים
אין ער ווייס?
אַטויפּ וואָס לויפֿט אין ווינט צווישן הרגות,
אוישעורך [illegible] יובלות וואָס דורך ווינט רויסט פֿון דום זיים
ייתום צווישן נתיאים!
אומזיל ער פֿאַרבערנט, יודם = נייגעט געהאַלט איך
צווישן די דוומער
אין הערט נייר דאָס קול פֿון זיינע הוילעקס:
„זיי: כה!"
וואו גיסטו! ליט גוואַיר!...

# באַגלייט־וואָרט

דער ערשטער באַנד משלים פון אליעזר שטיינבאַרג איז אַרויס פון דרוק אין טשערנאָוויץ ניט לאַנג נאָך זיין פּריצייטיקן טויט מיט פּיראונ־צוואַנציק יאָר צוריק. צום גליק האָט נאָך ער אַליין באַוויזן צוצוגרייטן דאָס בוך צום דרוקן ביז אין מינדסטן פּרט, און אַפילו געלייענט אַ טייל פון די קאָרעקטורן. דער צווייטער באַנד האָט ניט די דאָזיקע הצלחה, סע פעלט אים בפירוש די „לעצטע האַנט" פונעם מחבר אַליין, קודם כל לגבי דעם אויסשטעל פון די זאַכן. בעת אין ערשטן באַנד זענען די משלים געווען פונאַנדערגעטיילט אין באַזונדערע אָפּטיילן לויט דעם מחברס אייגענעם איינ־זען, און די איבערשריפט פון יעדן אָפּטייל האָט אויסגעקליבן שטיינבאַרג אַליין, — האָט דער צונויפשטעלער פונעם איצטיקן באַנד זיך ניט גענומען דאָס רעכט דערצו. דעריבער זענען דאָ די משלים צונויפגעשטעלט לויט אַ גאַנץ לויזן סדר, איבער וועלכן ס'לוינט זיך ניט באַזונדער אָפּצושטעלן, מיט דער בפירושער כּוונה, אַז אין דעם טעקסט גופא זאָל קומען צום אויס־דרוק אליעזר שטיינבאַרג אַליין.

מע דאַרף אָננעמען, אַז מיט דעם דאָזיקן באַנד איז אינגאַנצן אויס־געשעפּט שטיינבאַרגס ירושה אויפן געביט פון משל, סיידן עס וועט זיך ערגיץ ווו אין אַ צייטשריפט אָפּגעפינען נאָך עפּעס אַ פאַרוואָרפן משל זיינס. צום באַדויערן זענען איצט די באַדינגונגען אַזעלכע, אַז עס איז דורכאויס אוממעגלעך אַזאַ קאָנטראָל דורכצופירן. מיר האָבן זיך ממילא געמוזט באַנוגענען מיט די קאָפּיעס פון די משלים וואָס שטיינבאַרג אַליין האָט געזאַמלט און פרוי ר ב ק ה ש ט י י נ ב אַ ר ג האָט באַוויזן אָפּצוהיטן באַ זיך אין משך פון דער דאָזיקער לאַנגער און שווערער תקופה פון קרוב פינפאונצוואַנציק יאָר, איבערגעשריבן בשעתו מיט אַ זעלטענער געטריי־שאַפט דורך דעם באַקאַנטן יידישן פילאָלאָג ח י י ם ג י נ י נ ג ע ר.

גינינגערס מאַנוסקריפּט האָט אַרומגענומען די קיילעכדיקע ציפער פון 100 משלים. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז איינס פון זיי איז בלויז אַ וואַריאַנט — מעגלעך אַן עלטערער — פון אַ משל, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין ערשטן באַנד, און דערפאַר האָבן מיר דערויף מוותר געווען.

דער ערשטער באַנד פון שטיינבאַרגס משלים איז, ווי באַוווסט, אַרויס־געגעבן געוואָרן אין אַ צווייטער אויפלאַגע אין בוקאַרעסט אין יאָר 1935 און אין אַ דריטער אין יאָר 1949 אין בוענאָס־איירעס דורכן בעסאַראַבער לאַנדסלייט־פאַריין אין אַרגענטינע מיט אַ הקדמה פונעם באַקאַנטן יידישן שרייבער יעקב באָטאָשאַנסקי. אין יאָר 1947 זענען אַרויס אין בוקאַרעשט צוויי אָפּקלייבן פון שטיינבאַרגס משלים אין רומעניש, איינע פון עמיל דאָריאַן, די צווייטע פון ד"ר י. קליין. מיט צוויי יאָר צוריק איז אַרויס אין ישראל אין פאַרלאַג נ. טווערסקי אַ גרעסערער אָפּקלייב פון די משלים אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון חנניה רייכמאַן (צוויי אויפלאַגעס). דעם איצטיקן, צווייטן באַנד, גיבן אַרויס שטיינבאַרגס לאַנדסלייט פון דעם שטעטל ליפקאַני — „ארגון יוצאי ליפקאַני, בסרביה בישראל" (מיסודם של יוצאי ליפקאַני באַמריקה). דאָס פּאַפּיר פאַר דער אויסגאַבע האָט צוגעשטעלט דער יידישער פען־קלוב אין ניו־יאָרק.

מיר האַלטן פאַר אַ באַזונדערן זכות, וואָס דאָס בוך דערשיינט דווקא אין מדינת־ישראל, בפרט וואָס אין דעם דאָזיקן באַנד, נאָך מער ווי אין דעם פריערדיקן, קומט אַזוי בולט צום אויסדרוק אין אַ גאַנצער ריי משלים אליעזר שטיינבאַרגס צוגעבונדנקייט צו דער ישראל־לאַנדשאַפט, סיי דער פיזישער, סיי דער גייסטיקער.

מיט אַ באַזונדערער הנאה פאַרצייכענען מיר, אַז דאָס טיטל־בלאַט פאַר דעם דאָזיקן צווייטן באַנד איז געצייכנט געוואָרן דורך אליעזר שטיינבאַרגס אינטימען פריינד, דעם קינסטלער אַרטור קאָלניק (פּאַריז), וועלכער האָט אויך געגעבן דאָס טיטל־בלאַט און די צייכענונגען פאַר דער ערשטער אויפלאַגע פון דעם ערשטן באַנד „משלים".

ד. ל.

# אינהאַלט


אליעזר שטיינבאַרג דער משלים־דיכטער
— דניאל לייבל . 5
— שלמה ביקל . 10
ווידמונג . . . . . . . . . . 21
דער בער . . . . . . . . . . . 23
שעטנז . . . . . . . . . . . . 25
דער אויוון און די לאָפּעטע . . . . . . 27
שופר של משיח . . . . . . . . . 28
זיך פאַררעדט . . . . . . . . . 29
לאָקן . . . . . . . . . . . . 31
דער זייגער און די ניימאַשין . . . . . . 33
די קאַפּאָטע און די שטיוול . . . . . . 34
די וואָגשאָלן . . . . . . . . . . 35
דער נביא קראָ און די טויב . . . . . . 36
דער וואָלף און דאָס וועלפּעלע . . . . . 38
די באַפרייונג . . . . . . . . . . 40
דאָס אײַזן . . . . . . . . . . 42
גאָטס ניסים . . . . . . . . . . 44
דער הינטישער בונט . . . . . . . . 47
הרמון . . . . . . . . . . . 49
דער נצחון פונעם אמת . . . . . . . 52
די גוזמא . . . . . . . . . . 54
דער באַרג און דער טײַך . . . . . . 55
די קו אויף די קאַרפּאַטן . . . . . . . 56
דאָס קעמל און דאָס אייזל . . . . . . 57
פאַלשע קלאַנגען . . . . . . . . . 59

דאָס לעבן . . . . . . . . . . . 60
ווו איז יושר? . . . . . . . . . . . 62
אויפן צימבל . . . . . . . . . . . 63
יושר . . . . . . . . . . . . 66
געריכט . . . . . . . . . . . . 68
דער בעל־יושר . . . . . . . . . . 72
דער עיקר . . . . . . . . . . . 74
באָם לייב אויף דער סעודה . . . . . . . 76
דער קרבן . . . . . . . . . . . 78
שלום . . . . . . . . . . . . 80
צעווישן יאָ און ניין . . . . . . . . . 81
אַ קלאָץ־קשיא . . . . . . . . . . 82
מזל און שלימזל . . . . . . . . . . 83
דאָס נעבעכל . . . . . . . . . . . 85
די קראָ און דער קאַנאַריק . . . . . . . 87
דער מבין . . . . . . . . . . . 89
דאָס פידעלע, דער באַס און די טאַצן . . . . . 90
אמת און ליגן . . . . . . . . . . 91
מוז און מוזע . . . . . . . . . . . 93
דאָס פייקל . . . . . . . . . . . 95
די בין און די שפין . . . . . . . . . 96
דער ברומבאַס . . . . . . . . . . 98
דער גאַס־לאַמטערן . . . . . . . . . . 99
ריינער פון גאָלד . . . . . . . . . . 101
דאָס צאַפּל־מענטשעלע . . . . . . . . 103
שטערן . . . . . . . . . . . . 105
מלאכים . . . . . . . . . . . . 107
בענקלעך . . . . . . . . . . . 111
גבורה . . . . . . . . . . . . 113
אָדון בפקדך . . . . . . . . . . . 115
דער מוטיקער . . . . . . . . . . 117
עכבראָשל . . . . . . . . . . . 118
די בהלה . . . . . . . . . . . 119
דער פּוס . . . . . . . . . . . 121
שלומיאל . . . . . . . . . . . 123

כעסל מיטן פעסל . . . . . . . . . . . 125
שקאַרפּעטקעס . . . . . . . . . . 126
ווייזערס . . . . . . . . . . . 127
די בויך־סברה . . . . . . . . . . 129
דאָס קנעפּל און די פּעטעלקע . . . . . . . 131
די קליידערשאַפע . . . . . . . . . . 133
יאָסל סטאָליער . . . . . . . . . . 135
ר׳ שעפסל־שנעפסל . . . . . . . . . 137
ר׳ עקיבא און דער בער . . . . . . . . 139
שמעקנדיקע פיש . . . . . . . . . . 141
חלבנה . . . . . . . . . . . 143
דאָס לובלינער פעסל . . . . . . . . . 144
דער וואָנטש . . . . . . . . . . 146
אַ שמועס . . . . . . . . . . . 147
דער פאַפּאַגיי . . . . . . . . . . 148
אַ שׂכל פון אַ פליג . . . . . . . . . 150
דער פאַלאַניק . . . . . . . . 152
אויפן פאָלומעסיק . . . . . . . . . . 153
די קאַץ אין שפּאַניע . . . . . . . . . 155
צוויי קעצלעך . . . . . . . . . . 157
דער קאָטער און די בין . . . . . . . . 159
צוויי קאָטערס . . . . . . . . . . 162
דער פוקס און דער וואָלף . . . . . . . . 163
די באַליידיקונג . . . . . . . . . . 166
דאָס אייזל און די זון . . . . . . . . . 167
גאווה און פאַווע . . . . . . . . . . 169
עזאָפּ און דאָס אייזל . . . . . . . . . 171
די בין און די פליג . . . . . . . . . 173
שלמה המלכס כלבים . . . . . . . . . 175
שנאַפּע . . . . . . . . . . . 177
אַ הינטישער מי־שברך . . . . . . . . . 180
פעטש . . . . . . . . . . . . 182
דער מילכיקער הונט . . . . . . . . . 184
דער הונט און דער פוקס . . . . . . . . 186
אין וואַלד . . . . . . . . . . . 187

דריי הינט . . . . . . . . . . 189
שמשון און די שלענג . . . . . . . 191
דער טאַנץ . . . . . . . . . . 193
די זון און די לבנה . . . . . . . 195
דער קלויסטערגלאָק און דער טורעמזייגער . 198
משיח . . . . . . . . . . . 200
פאַקסימילע . . . . . . . . . 203
באַגלייט־וואָרט . . . . . . . . 205